די ביטערע געשריי פון די
פארוואגעלטע קינדערלעך
**- ילדי גוואטעמאלע**

# צעקת
# הילדים

**ליינט און שטוינט:**
ערשטהאנטיגע געשיכעס
בייגעלייגט מיט קלארע עדות
דאקומענטן און בילדער



# ווען די וועלט וואלט געוואוסט...

אפחד א אימה, א פינסטער און א שרעק... פליטים לויפן ארום פון אלע זייטן און דערציילן שרעקליכע געשיכטעס וואס טוט זיך אפ "דארט"... און ווען זיי זאגן דאס ווארט "דארט", פארשטייט יעדער איינער פון וואס זיי רעדן. שוידערליכע געשיכטעס ווערן ארומגעשמועסט איבער "דארט", און די פארבליבענע אידן וואס זענען מיט די נשמה אין די האנט אנטלאפן פון "דארט", פראבירן אויפצושאקלען כלל-ישראל, שרייענדיג הייזעריגערהייט אז דאס יהדות איז אונטער אטאקע, אידישקייט איז אונטער א סכנה, מען דארף אצינד שווערע געלטער אפצושטעלן די רדיפות אויף פרויען און קליינע קינדער, וועלכע גייען אריבער שוידערליכע פיינונגען. מען קען זיי נאך ראטעווען.

אבער... אבער...

ליידער האבן מיר דעמאלס נישט דערהערט דעם רוף!

מען האט פשוט נישט געקענט גלויבן אז אין יארע 1939 למספרם, קען אזאנס פארקומען אונטערן פרייען הימל, ואין פוצה פה ומצפצף. מען האט געהאלטן אז די פוילישע פליטים טרייבן עטוואס איבער, זיי ווילן פשוט לייזן אפאר גראשן, דערציילן זיי מעשה'לעך. זיי טרייבן איבער אביסל די אמת'ע געשיכטעס וואס עס קומט פאר אין די אוישוויצינער לאגערן.

הערשט יארן שפעטער, ווען דער חורבן איז שוין אנטפלעקט געווען איבער די גאנצע וועלט, האט מען זיך געריסן די האר פון די קעפ, פארוואס מען האט נישט אויסגעהערט דעם ווי-געשריי פון יענע אידן... וויפיל וואלט מען געקענט ראטעווען און וויפיל וואלט מען געקענט אויפטון.

וואס האט יעדער איינער געקרעכצעט?

"וואלט די וועלט געוואוסט"...

הוי האט ר' מיכאל בער געבלוטיגט... אויב וואלט מען דעמאלס געוואוסט וואס עס קומט באמת פאר אונטער די רשעות'דיגע נאצישע מארד מאשין, וואלט מען געוויס נישט געשוויגן.

וואלט די וועלט געוואוסט...

אין אמעריקע זענען דעמאלס פארגעקומען העפטיגע געלט קאמפיינען, וואו ערליכע עסקנים און רבנים זענען ארומגעפארן אין סאמע ברען פונעם שבת-קודש. וויסנדיג דער מצב פון פיקוח-נפש, האבן די עסקנים אויפגעפאדערט די אידן אז מען זאל אויסליידיגן די טאשן צו קענען ראטעווען די שארית הפליטה אין אייראפע.

אידן זענען געזעצן ביי די שבת'דיגע סעודות, דיסקוסירט די געשעענישן און צווישן איין לעפל טשאלנט אינעם צווייטן, האט מען שפעקולירט וואס פונקטליך עס איז אמת און וועלכער חלק עס איז אויפגעבלאזן, מיט די מטרה צו מאכן אביסל מער געלט.

וואלט די וועלט דעמאלס געוואוסט...

היינט קלאפט מען זיך על-חטא און מען האט חרטה פארן 'נישט וויסן'. חטאתי כי לא ידעתי - איך האב געזינדיגט ווייל איך האב נישט געוואוסט...

מיר 'ווייסן' שוין אצינד...

לב-טהור איז אמאל געווען א באהאלטענע פלאץ, ווייט פון אויג, וואו די פירער האבן באהאלטן דעם עולם פון די גאנצע וועלט. מען האט געקענט אפטון דארט וואס מען וויל, אן דעם וואס פרעמדע מענטשן זאלן וויסן איבער זייער שוידערליכע מעשים, און ג' חמורות וואס זענען באשטעטיגט געווארן דורך מערערע עדות אין פארנט פון פארשידענע רבנים ועסקנים, וואס ברענגען אפשיי און עקל ביי יעדן מענטש וואס הערט דערפון.

ניין, עס איז נישט קיין טעות. מיר שרייבן דירעקט "געווען", וויבאלד די מציאות האט זיך שוין היינט געטוישט. די אינפארמאציע, עכ"פ א קליינער חלק דערפון, איז שוין ארויסגערינען פאר די גאס אין די לעצטע חדשים.

אמת, אויך ביז היינט זענען ארויסגערינען שמועות דא און דארט. גרעאטעוועטע פון דארט האבן שטענדיג דערציילט מעשיות וואס האבן געקענט אויפשטעלן די האר פון קאפ. אבער פארט איז דאס געווען רב בו ההעלם על הגלוי, נישט אלעס האט מען געקענט וויסן צי עס איז טאקע 'הכצעקתה' און צי עס גייט טאקע אזוי ווייט, אדער זענען דאס בלויזע שמועות וואס מענטשן האבן ליב צו שפעקולירן.

ביז היינט, אויב וואלטן מיר ארויסגעקומען מיט א קאמפיין צו ראטעווען די ילדי לב-טהור מיט די ערוואקסענע, וואלט מעגליך געקענט זיין א מקום צו צווייפלען און צו קלערן אהער און אהין. דעמאלס וואלט איר געקענט נוצן דעם תירוץ פון "וואלט די וועלט באמת געוואוסט".

היינטיגע טעג האט זיך שוין דער גאנצער ארענע געטוישט. צענדליגע גראטעוועטע און אנטלאפענע פון לב-טהור געפינען זיך שוין אינדרויסן, ערליכע תמימות'דיגע בחורים און קינדער, וועלכע זענען עדות אויף שרעקליכע בלוטיגע געשיכטעס פון דעם אכזריות'דיגן קולט. אין די קינדער-היימען אין גואטאמאלא געפינען זיך פיל יונגלעך מיט מיידלעך, וועלכע דערציילן דירעקט און אומדירעקט געפערליכע זאכן וואס הערן זיך ממש אומגלויבליך, אבער זיי זענען פארט א פאקט ליידער.

היינט קענען מיר שוין נישט נוצן דעם תירוץ: "וואלט די וועלט דעמאלס געוואוסט". מיר האלטן שוין ביי דעם "דעמאלס" און מיר ווייסן שוין ליידער - אפשר נישט גענוג, אבער יא גענוג אויף צו פארשטיין אז מען דארף אויפשטורעמען א וועלט.

מיר מוזן זיי ראטעווען און מיר קענען זיי ראטעווען.

עס פעלט זיך אויס דערויף שווערע געלטער, לויערס, אימעגראציע, פסיכאלאגן און מחנכים, ישיבות און חדרים, מיידל שולע'ס און פינאנציעלע שטיצע, און די ליסטע איז ווייט פון פארטיג.

אונזער מטרה איז קלאר, צו ראטעווען די געפאנגענע פון לב-טהור, זיי צו געבן א געהעריגן חינוך און השקפה, זיי זאלן זיך קענען איינגלידערן אין כלל-ישראל און אנפירן מיט א געהעריגע לעבן, צו זיין געטרייע סאלדאטן לה' ולתורתו, זיי צו מאכן גרייט מקבל צו זיין פני משיח צדקינו.

•••



# געשיכטעס פון בלוט און טרערן

ערשטהאנטיגע אמת'ע געשיכטעס

## א קינד אליין

וואס לב-טהור האט געטון פאר זייער יוגנט איז שווער צו באגרייפן. איר וועט זיך קיינמאל נישט קענען אריינלייגן אין דער מוח פון א לב-טהור קינד, צו פארשטיין וואס ער גייט אלס אריבער אין זיין לעבן.

א דורכגעפאלענע פראבע נעמען מיר אצינד - א פראבע וואס איר אויסגאנג איז שוין פון פריער באשטימט דורצופאלן - צו פראבירן אראפצולייגן אפס קצהו וואס א געווענליכע קינד גייט אריבער אין לב-טהור. און די רעדע איז נישט בלויז פון קינדער, די ערוואקסענע איפן ארט ליידן פונקט אזוי.

לאמיר נעמען אלי' ניסן אלס א משל.

אלי' ניסן איז א זעכצן יעריגער יונגערמאן, א טאטע צו א קינד, א טייערער ברילאנט און אן אוצר פון א יונגערמאן, מיט א הערליכער עתיד אויב מען וועט אים ריכטיג העלפן בעז"ה. טראצדעם וואס ער איז א בנן-של-קדושים ומזרע גדולים וצדיקים, פון די שענסטע משפחות דא ביי אונז אין ניו-יארק, איז אלי' ניסן ליידער אריבערגעגאנגען א שווערן לעבן אונטער די ברוטאלע נעגל פון לב-טהור. ווען מיר הערן די געשיכטע פון אלי' ניסן, ווערט די הארץ צוקלעמט, קלערנדיג וויפיל איין קינד קען אזויפיל מיטמאכן.

ווען אלי' ניסן איז געווען א קליינער יונגל האט די קהילה באשלאסן אז אלי' ניסנ'ס פאטער ווייזט נישט ארויס גענוג צוטרוי צו דער נייער פירער אין די קהילה, דער היינטיגער רבי (דער "חכם" כלשונם). די קהילה האט דעריבער באשלאסן צו צעברעכן זייער שטוב.

דער ערשטער שריט איז געווען, צו קנס'ענען די משפחה אז זיי מוזן ארויסגיין וואוינען אין גלות. זיי האבן זיך געמוזט אריבערציען צו א ווייטן ארט, צוויי שעה אוועק פון בבל, אויף א תיקון. במשך די צייט האבן די עלטערן געמוזט באריכטן די גאנצע צייט וואס זיי טוען און ווי אזוי זיי טוען תשובה. דאס איז א פראצדור וואס איז נישט זעלטן אין לב-טהור.

אבער וואס אלי' ניסנ'ס פאטער האט נישט געוואוסט, איז געווען דער פאקט אז דאס איז בלויז געווען א שפיל. מיט די מאמע האט מען אפגערעדט, אז זי וועט אנטלויפן אינמיטן נאכט פון איר מאן און צוריקקומען מיט די קינדער קיין בבל. עס האט געזאלט הייסן, אז לב-טהור טיילט נישט אפ מענער פון די פרויען, נאר די פרויען ווילן פון זיך אליין אנטלויפן.

די הנהלה האט געגעבן פאר די מאמע א געוויסער סארט שטויב וואס שלעפט איין א מענטש, דאס האט זי געזאלט אריינלייגן אין די עסן פון איר מאן בשעת'ן נאכטמאל, און דאן אינמיטן נאכט צו אנטלויפן פון דארט, מיט א טייל פון די קינדער.

אין די פינסטערע נאכט שעות, בשעת דער טאטע ליגט פארזינקען אין א טיפן שלאף, נישט באגרייפנדיג וואס עס טוט זיך אפ אונטער זיינע אויגן, כאפט די מאמע אן אירע צוויי קינדער, איבערלאזנדיג אויפן ארט פינף אנדערע קינדער, זי אנטלויפט אצינד פון שטוב, פשוט דערפאר וואס די הנהלה האט איר בעאיינפלוסט אז דאס איז דער רצון-השם יעצט צו טון. אויפן וועג ארויס באמערקט די מאמע איר פיצל קינד, וועלכער פלאקערט אצינד פאר היץ, וויינענדיג "מאמע, מאמע"... אויפן באפעל פון די הנהלה, לאזט זי אלעס איבער און אנטלויפט פונעם ארט.

אט געפינט זי זיך אליין אויפן גאס אין די טונקל, מיט אירע צוויי קינדער. זי גייט צו א פאבליק טעלפאן בודקע און רופט די הנהלה, דערציילנדיג אז זי פארמאגט אצינד אירע קינדער מיט זיך. די הנהלה האט געזארגט פאר א טעקסי, וואס איז איר געקומען אפנעמען ביז אין בבל אריין (דער קאמפלעקס וואו זיי וואוינען היינט, האבן זיי א נאמען געגעבן מיטן מיטילאגישן נאמען "בבל").

אלי' ניסן איז אויפגעוואקסן אין לב-טהור ווי א יתום בחיי האב, אריבערגייענדיג א שווערן לעבן אונטער די גרויזאמע נעגל פון לב-טהור. פארט, האט אלי' ניסן פארמאגט א ריינע נשמה, שטענדיג איז ער געווען אן ערליכער יונגל, א ירא-שמים מרובים מיט א שטארקן רצון און דארשט צו לערנען און קענען, צו עבודת הבורא ביגיעה וליראת שמים. יעדער איינער האט זיך פארסמאקעוועט מיט אלי' ניסן, וויסנדיג אז ער וואקסט אויף א שטאלץ פאר די קהילה און אלס גאר חשוב'ער יונגל.

אין זיינע יונגע יארן, האט ער זיך גאר שטארק געבענקט נאך זיין טאטען און ער האט אים שטארק געוואלט טרעפן. די הנהלה האט אים אבער איינגערעדט אז דער טאטע האט שוין פארגעסן פון אים, און ער וויל אים שוין נישט קענען אפילו.

אזוי ווי אלע אנדערע קינדער אין לב-טהור, האט אלי' ניסן געכאפט ברוטאלע קלעפ, נישט איין מאל און נישט צוויי. זייענדיג א קליין קינד, האט ער אמאל זיך צובראכן זיין פוס. דער מלמד פון קלאס, א.ג. פלעגט פארלאנגען פון די קינדער אז מען מוז זיך אויפשטעלן פון פלאץ ווען ער קומט אריין, אבער ווען עס האט גענומען פאר אלי' ניסן לענגער ווי געווענליך זיך אונטערצוהויבן, האט ער גענומען זיין אייזערנער שטעקן און פופצן מינוט אין א ציה אריינגעשמיסן אין אלי' ניסן, אזוי אז פאר עטליכע חדשים האט ער זיך ארומגעדרייט מיט בלויע צייכענעס פאר ווייטאג.

אין אן אנדערע געלעגנהייט האט מען אמאל אויסגעטון אלי' ניסן פון אלע זיינע קליידער, דער מלמד א.ג. אינאיינעם מיט דער מנהל י.ג. זענען געשטאנען מיט שטעקענס און אריינגעשמיסן אין אים א לענגערע צייט. א לענגערע צייט שפעטער, האט אים א דאקטער אונטערגעזוכט און די סימנים זענען נאך געווען אויף זיין קערפער. אלי' ניסן דערציילט אז ער האט דעמאלס געשפירט אז ער גייט פשוט אויס אונטער זיינע ברוטאלע קלעפ, אין מוח האט ער דעמאלס געזאגט ווידוי.

אזעלכע סארט קלעפ זענען נישט קיין נייעס אין לב-טהור און אלי' ניסן איז נישט געווען קיין בן-יחיד דערמיט. פארט האט דאס שטארק ווי געטון אלי' ניסן, זייענדיג א יתום בחיי האב, נאך וואס זיין טאטע איז ברוטאל צוגענומען געווארן פון זיינע אויגן און ער איז דורכגעגאנגען טראמא אין זיינע יונגע יארן.

אמאל אין א פאל, האט די הנהלה גוזר געווען אויף אלי' ניסן א תענית פון זעקס-און-דרייסיג שעה. אינמיטן די תענית האט ער זיך באקלאגט פאר זיין מאמע אז עס איז אים זייער שווער דאס פאסטן. זיין מאמע האט אים געשלעפט צו די הנהלה, וואו מען האט באשלאסן אז אלס קנס, דארף מען צולייגן נאך פיר שעה צום תענית.

"ניין, מען זאל עס מאכן אויף אכט שעה" האט די מאמע גע'טענה'ט.

איר קענט זיך פארשטעלן ווי אזוי דער צוועלף יעריגער אלי' ניסן האט זיך דעמאלס געשפירט?! קיין טאטע האט ער נישט, און וואו ווייט מען האט אים דעמאלס איינגערעדט, איז ער נישט אינטערעסירט אין אים. דא קומט זיין מאמע און לייגט אים נאך צו זאלץ אויף די וואונדן.

מען דארף פארשטיין אז די מאמע איז נישט שולדיג דערין. זי איז פונקט אזא קורבן פון דעם כת, אזוי איז מען מחנך דארט און דאס איז דער וועג ווי אזוי מען לערנט אויס די עלטערן זיך צו באגיין מיט די יונגווארג.

פארקערט, זיין מאמע ווערט שטארק ארויסגעהויבן אין לב-טהור, און זי דינט אלס דוגמא פאר אנדערע פרויען, ווי אזוי מען דארף מחנך זיין קינדער.

אבער זיין טאטע איז נישט געשלאפן, ער

האט נישט גערוהט.

נאך פילע פריוואנגען זיך דורכצושמוסן מיט זיין ווייב בדרכי נועם, בשעת די פילע בריוו וואס ער שיקט קומען אפילו נישט אן צו איר און די איינע בריוו וואס האט יא דערגרייכט צו אירע הענט בדרך לא דרך, ווערט אפילו נישט געליינט דורך איר, און נאך וואס אלע טעלעפאן רופן פאלן אויף טויבע אויערן, האט ער פארשטאנען אז ער האט ניטאמאל וואס צו פראבירן, און וואס ער דארף אצינד טון איז פשוט, צו פראבירן ראטעווען די צוויי קינדער וואס די מאמע האט מיטגענומען אהין און אים געוואונען אונטער זיינע הענט.

ער האט דאן אנגעהויבן מיט א געריכטליכע פראצודור אין גואטאמאלא, מיט די מטרה צו באקומען די קינדער.

וואס האט די הנהלה פון לב-טהור געטון?

זיי האבן גענומען דעם קליינעם אלי' ניסן און מיט אכזריות אים איבערגערעדט און באפוילן מיט גוטנס און מיט בייזנס, אז ער זאל זאגן שרעקליכע עדות קעגן זיין אייגענעם טאטע'ן, דורכגעפלאכטן מיט פול בלבולים און ליגנט, אזוי אז זיין טאטע זאל ארעסטירט ווערן און זיצן אונטער פינסטערע גראטעס אין גואטאמאלא.

"ווי אזוי מעג איך דאס טון, ווי אזוי קען איך קומען זאגן אזעלכע געפערליכע ליגנט קעגן מיין אייגענע טאטע, וואס האט מיר גארנישט שלעכט געטון?" האט אלי' ניסן געפאדערט צו וויסן.

"דאס איז א מצוה און אז עס פעלט אויס כדאי דיין אידישקייט זאל געראטעוועט ווערן", האבן די הנהלה אים געענטפערט.

ביזן היינטיגן טאג קען אלי' ניסנ'ס טאטע נישט אריינקומען קיין גואטאמאלא, צוליב די שקרים וואס אלי' ניסן האט געזאגט באונס. הוי, באוויינט היינט אלי' ניסן זיין אומשולדיגע שריט קעגן זיין טאטע.

ווען אלי' ניסן איז געווארן בר-מצוה, האט די הנהלה איינגעזען אז מען מוז שנעל חתונה מאכן דעם יונגל, צוליב די שרעקליכע סכנה אז דער טאטע וויל אים קומען אפנעמען פון לב-טהור, א זאך וואס איז לויט זייער מיינונג א גזירת שמד. נו, אויב וועט ער זיין חתונה געהאט, מיט א פרוי און קינדער, וועט ער דאך שוין זיין אריינגעפלאנצן אין די קהילה, וועט ער שוין מער נישט קענען אוועקגיין פון דא.

עס איז דעמאלס געווען אן אנדערן חשבון אויך, וויבאלד די קהילה האט זיך געראכטן אין יענע יארן אוועקצופארן קיין קורדיסטאן, א זאך וואס וועט ווארשיינליך נעמען א לאנגע צייט. עס איז דעריבער געווען א חשש, אז זייענדיג אונטערוועגנס וועלן זאכן פאסירן, און דאס קינד וועט אנקומען צום טאטע'ן, א זאך וואס לב טהור האט געוואלט פארמיידן פאר אלע קאסטן.

א וואך נאך די בר-מצוה האט אלי' ניסן געשפאנט מיטן ווייסן קיטל צום חופה, זייענדיג מקדש א מיידעלע פון קוים צוועלף יאר אלט, נאך איידער זי איז צוגעקומען לכלל בגרות בכל המשתמע לכך ודי למבין... די חתונה האט גענומען אן ערך פון צוועלף שעה, אזוי ווי אלע אנדערע חתונות אין לב-טהור, בשעת די חופה קומט פאר פארנאכטס און די חתונה ענדיגט מען אין די פריע פארטאגס שעות. דער חתן האט דאן געדאווענט שחרית, זיך געלייגט שלאפן, אויפשטייענדיג ארום צוויי-אזייגער מיטאג.

אלי' ניסן איז געווען א יונג צארט קינד, ער האט נאך אפילו נישט באגריפן וואס חתונה האבן מיינט. עס האט גענומען לאנג ביז דער מדריך האט אים געקענט אויסלערנען די פשוט'ע טעכנישע חלקים. עטליכע חדשים האבן די מדריכים ארומגעארבעט און גערעדט מיטן חתן, טאג נאך טאג, נאכט נאך נאכט. אינדרויסן פון די שטוב זענען די מדריכים געשטאנען מיט סעלפאנ'ס, ווארטנדיג אויף א טעלפאן קאל פונעם יונגן חתן. אזוי האט עס גענומען עטליכע חדשים

ענדליך, ווען אלעס האט זיך שוין ענדליך געזעצט אויפן פלאץ, איז געקומען די ביטערע גזירה אויף די קהילה, בשעת די הנהלה האט באשלאסן פאר זייערע פריוואטע אגענדעס, אז מען מוז אויפהייבן די גאנצע קהילה און אנטלויפן פון גואטאמאלא. היינט איז שוין קלאר באקאנט, אז עס איז נישט געווען קיין שום לאגישע סיבה פארוואס זיי האבן דאס געמוזט טון, אבער דעמאלס האבן זיי פארמאגט אייגענע פריוואטע חשבונות, וואס דערויף האט מען משוגע געמאכט דעם גאנצן קהל.

קוים האט אלי' ניסן זיך מסדר געווען אינדערהיים און שוין האט ער געמוזט זיך שיידן פון איר קורצווייליג.

א האלבע יאר האט זיך דער עולם געפינען אויף די וועגן, בשעת די קהילה איז געווען צושפילטערט אין עטליכע מדינות. אלי' ניסן האט זיך געפינען אין א שטעטל אליין, בשעת זיין בני-בית האט זיך געפינען אין אן אנדערן לאנד. פילע עגמת-נפש איז אריבערגעגאנגען, ביז דאס פאר פאלק האט זיך געקענט צוריק פאראייניגן און זיך צוריק צוזאמענלעבן צוזאמען.

אבער נישט אויף לאנג. אלי' ניסנ'ס ליידן איז נאכנישט געקומען צו קיין ענדע.

עס איז געקומען דער טאג וואס מען האט געכאפט אלי' ניסן מיט א הארבע עבירה, נעמליך אז ער האט געשמועסט מיט זיין טאטע אויפן טעלפאן, גאר א הארבע זינד אין לב-טהור. די קהילה האט דאן געמאלדן פאר אלי' ניסן, אז ער פארמאגט שוין נישט קיין ארט אין די קהילה, און ער מוז אלעס איבערלאזן תיכף ומיד.

כדאי צו פארשטיין דער גרויסער זינד פון אלי' ניסן, דארפן מיר דערציילן אז אין לב-טהור איז פארהאן א תקנה, אז מען טאר נישט רעדן מיט דרויסנדיגע מענטשן, אפגעזען צי דאס איז א טאטע אדער א נאנטע קרוב משפחה. אויב מען מוז רעדן צו פרעמדע, איבער געלט פאר די קהילה, דארף מען האבן א באזונדערע רשות פון די הנהלה

אלי' ניסן האט עובר געווען אויף די תקנה, און ער האט נעבעך גערעדט מיט זיין טאטע אויפן טעלפאן, א שריט וואס האט אים געקאסט זיין עקזיסטענץ אין די קהילה.

אלי' ניסן איז געצווינגען געווארן דורכצוגיין א חרם דורך די קהילה. מען האט אויסגערופן ברבים אז אלי' ניסן טאר נישט רעדן צו קיינעם פון די חבורה. פאר צען חדשים האט דער חרם אנגעהאלטן, בשעת ער האט נישט געטארט אהיימגיין און ער האט געמוזט שלאפן אין ווייבער שוהל פון בית-המדרש.

אין די תקופה פון די חרם, האט אלי' ניסן נישט געטארט בעטן קיין עסן פון קיינעם. עס איז געווען א האלבע שעה צייט אין טאג, וואס דעמאלס האט מען אים געמעגט ברענגען צו עסן. וואס איז געווען די עסן פון אלי' ניסן? - ער האט נישט געטארט עסן סתם זאכן, נאר בלויז ברויט מיט זאלץ און טרינקען וואסער.

די עסן וואס ער האט יא געגעסן, האט ער נישט געטארט בעטן פון קיינעם, מען האט אים געקענט ברענגען אין איין געוויסער האלבע שעה. אויב איז דער שליח געקומען שפעטער ווי די האלבע שעה, דאן האט ער געמוזט פאסטן ביז מארגן. פונקט אזוי האט ער נישט געטארט בעטן פרישע וועש, נאר אויב מען האט אים געברענגט וועש, האט ער דאס געמעגט אנטון.

במשך די תקופה פונעם חרם, האט ער יעדע וואך געמוזט פאסטן איין מאל אין וואך

זייענדיג אלט פופצן יאר, איז א מזל-טוב געשאנקען געווארן פאר אלי' ניסן און זיין בני-בית, א טאכטער איז געבוירן געווארן, און דער חכם האט איר געגעבן א נאמען. דער סדר אין לב-טהור גייט, אז דער חכם גיבט די נעמען פאר אלע ניי-געבוירענע קינדער, לויט ווי אזוי עס פאלט אים איין אז דער נאמען דארף צו זיין, אן קיין איבעריגע חשבון.

אלי' ניסן איז שוין היינט א טאטע למזל-טוב.

עס האט נישט גענומען מער פון עטליכע חדשים דערנאך און די הנהלה פון לב-טהור האט חושד געווען אז אלי' ניסן האלט אן זיין "אסור'דיגע" קשר מיט זיין טאטע - זיין אייגענע בלוט און פלייש, אן ערליכער חסידי'שער איד, א שומר תורה ומצוות למהדרין. די הנהלה האט באשלאסן אז אלי' ניסן מוז איבערלאזן די חבורה, מען קען דאס נישט צולאזן אז ער זאל האבן קשר מיט דרויסנדיגע מענטשן.

ווען אלי' ניסן איז געקומען אפנעמען זיינע זאכן, האט די הנהלה ארויסגעווארפן זיין פעקל פון די טיר, אנגעפילט מיט בלאטע און שמוץ, אינאיינעם מיט די קידושין רינגל מיט אנדערע צירונגען, צולייגנדיג א צעטיל, "גיי דיר פון דא אלי' ניסן, דו ביסט נישט דער ראש-המשפחה פון די שטוב און דו וועסט קיינמאל נישט זיין, דו זאלסט קיינמאל נישט אהערקומען".

די צער פון אלי' ניסן איז געווען אומבאגרייפליך. נישט קיין טאטע, נישט קיין מאמע, נישט קיין ווייב און נישט קיין קינדער.

אויפן וועג ארויס האט זיך אלי' ניסן דערמאנט א מעשה וואס ער האט געהערט אין זיינע קינדערישע יארן, ווי אזוי א איד פון שפאניע האט פארלוירן זיין גאנצן רכוש ביים פארטריבן ווערן פון שפאניע, דאן איז זיין ווייב און קינדער דערטראנקען געווארן אין ים. דער איד האט דעמאלס אויפגעהויבן זיינע הענט צום באשעפער און געזאגט, "רבונו של עולם, דו קענסט מיר אוועקנעמען מיין ווייב און קינדער, מיינע אלע נכסים, אבער איין זאך קענסטו נישט אוועקנעמען פון מיר, דעם באשעפער פון מיין הארץ! - דאס וועט שטענדיג בלייבן אין מיר.

מיט די דאזיגע מחשבות האט אלי' ניסן פארלאזט די קהילה.

אלי' ניסן געפינט זיך היינט אינדרויסן פון לב-טהור.

ארויסקומענדיג האט ער ערוועקט אין זיך א געוואלדיגע חשקת התורה, זייענדיג הונגעריג צו לערנען און צו קענען. ווי באקאנט, טאר מען גארנישט לערנען אין לב-טהור, אויסער מאכן התבוננות און לערנען די ביכער וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך די גייסטישע פירער פון די הנהלה. די יונגווארג דרייען זיך ארום ליידיג און זיי קענען גארנישט. אלי' ניסן האט זיך צוגעכאפט צו די גמרא און צו הלכה אויף א שטארקן פארנעם. ווען מען האט געברענגט פאר אלי' ניסן הלכה'דיגע ספרים, וועלכע זענען באקאנט אין די דרויסנדיגע וועלט, האט זיך אלי' ניסן ארויפגעכאפט דערויף ווי א הונגעריגע לייב, דורכבלעטערנדיג די ספרים שעות על גבי שעות.

היינטיגע טעג געפינט זיך נאך אלי' ניסן אין גואטאמאלא, אינדרויסן פון די קהילה, ווארטנדיג אויף א ישועה פון הימל. ביינאכט נעצט ער דורך זיין קושן מיט טרערן און בייטאג בארואיגט ער זיך מיט לימוד התורה ועבודת-השם. זייענדיג א בעל-כשרון און א גוטער בחור בטבע, מאכט ער פיל פארשריט בלימוד התורה און ער לערנט ב"ה פלייסיג, אויפכאפנדיג דאס וואס ער האט פארפעלט אין די קינדערישע יארן. אלי' ניסן גארט אזוי שטארק אנצוקומען צו א מקום תורה, וואו ער וועט קענען זיצן און לערנען אומגעשטערטערהייט, על מי מנוחות

אלי' ניסן שטייט היינט און וואונדערט זיך: וואס האט מען געוואלט פון מיר, פארוואס האט מען מיר געדארפט חתונה מאכן יונג, כדאי אוועקצונעמען מיין ווייב שפעטער? - ועל-כולם, פארוואס האט מען מיר אפגעה'רג'עט די קינדערישע יארן און מיר נישט געלאזט געהעריג שטייגן און וואקסן בלימוד התורה?

היינט געפינט זיך נאך אלי' ניסן אין גואטאמאלא, ווארטנדיג ארויפצוקומען קיין אמעריקע אינאיינעם מיט זיין ווייב. עס פאדערט זיך דערפאר א וועלט מיט געלט, לויערס פאר אים מיט זיין ווייב, אימיגראציע פאפירן ועל-כולם, אים איינצוקוואטירן א נייער לעבן אין ניו-יארק און אים אריינשטעלן אין א געזונטע מסגרת.

וועט אלי' ניסן קענען האבן א געזונטע ערליכע לעבן? - דער תשובה דערויף וועדט זיך אין אייך.

אלי' ניסן איז אן אוה, א יונגערמאן מיט פילע כשרונות און מיט אן אומשאצבארע אהבת התורה ויראת שמים. ער קען נאך אויסשטייגן מיט





א שטאלץ פאר כלל-ישראל. מיר קענען דאס מאכן.

לאמיר אים העלפן שטייגן!

## מסירת נפש פאר תורה

אלי' ניסן איז נישט דער איינציגסטער.

וואס איז מיט אלתר פתחיה, א פערצן יעריגער בחור, וואס איז שוין כמעט געווארן א חתן, אבער אין די לעצטע מינוט האט מען אים ארויסגעווארפן פארן חטא פון לימוד התורה?!

אלתר פתחיה איז א בחור וואס האט שטענדיג געהאט חשק צו לערנען, ווען ער האט אנטוויקלט א געשמאק אין לימוד ההלכה, האט דער ריש-מתיבתא חוזק געמאכט דערפון ברבים און געפערליך אפגעשפעט פון אים, פארגיסנדיג זיין בלוט. אין א געוויסע פונקט האט די הנהלה באשלאסן, אז זיין חשקות התורה שטערט אלתר פתחיה פון שטייגן (פרעג מיר נישט ווי אזוי...) און אז דאס פארנאכלעסיגט אים אין די לימודי התבוננות פונעם פריעדיגן רבי'ן, האט מען ארויפגעלייגט אויף אים א תקנה, אז ער טאר נישט עפענען קיין ספר אן די רשות פון די הנהלה.

אין זיין נויט האט ער זיך געוואנדן צו דרויסנדיגע מענטשן, וועלכע האבן אים געגעבן א גמרא צו לערנען דערין. די הנהלה האט אים נישט געוואלט לאזן לערנען אין די גמרא וואס קומט פון דרויסנדיגע מענטשן, און מען האט אים געווארנט אז טאמער וועט מען אים זען מיט די דאזיגע גמרא אין די האנט, וועט ער פליען פון לב-טהור.

אבער ווען איינער שפירט שוין דעם טעם פון תורה, וועלכער איז זיסער מנופת צוף וכל טעם, קען ער זיך שוין נישט אפרייסן דערפון. דעריבער האט אלתר פתחיה אנגעקנופט שייכות מיט דרויסנדיגע מענטשן וועלכע האבן אים געהאלפן אין לימוד התורה.

ווען די הנהלה האט זיך דערוויסט דערפון, האט מען אים ארויסגעווארפן פון דארט אום הושענא-רבה ביינאכט, נישט געבנדיג די געלעגנהייט וואו אפצורעכטן די תפילות פון הושענא-רבה און די הקפות שפעטער ביינאכט.

שמחת תורה אינדערפרי, איז זיין מאמע אנגעקומען צום ארט וואו איר זוהן איז געוועזן, זאגנדיג פאר איר זוהן אז זי שפירט זיך שלעכט, וויבאלד זי האט אים נישט גוט מחנך געווען.

דעריבער ווילן זיי צוריקקומען צו בבל וואו זי וועט אים גוט מחנך זיין.

אנקומענדיג צוריק, האט מען נישט אריינגעלאזט אלתר פתחיה אין שטעטל, מען האט אים איינגעשפארט אין א בודקע ביים טויער, וואו מען האט אים געהאלטן פארשפארט, נישט צולאזנדיג קיין עסן און טרינקען צו אים.

מיט גרויס מיה און פלאג האט זיך אלתר פתחיה ארויסגעראטעוועט פון זיין שטייג, וואו ער איז צוריק אנטלאפן פון דארט.

היינט געפינט זיך אלתר פתחיה אין גואטאמאלא, ווארטנדיג אויף ישועת השם, ארויפצוקומען קיין אמעריקע צו א געהעריגע ישיבה, וואו ער וועט קענען זיצן און לערנען תורה אומגעשטערט.

אלתר פתחיה איז נאך יונג. ער קען זיך גרינג פלאצירן אין א ישיבה קטנה און אריבערגיין זיינע בחורי'שע יארן רואיג און אומגעשטערט. א גוט קעפל פארמאגט ער און גלייכצייטיג אויך א רצון צו לערנען. עס איז נישט אויסגעשלאסן אז ער קען נאך זיין א חשוב'ער בחור און אויפשטעלן א ערליכע אידישע שטוב לתפארת בית ישראל.

אלתר פתחיה ווענדט זיך צו אייך: "ווילט איר מיר העלפן? - ווילט איר מיר מאכן שטייגן און וואקסן בתורה ובעבודה? - איך געפין זיך דא אין גואטאמאלא, איך ווארט ארויסצוקומען פון דא. איר ווילט מיר העלפן"?

די שאלה ווארט אויף א תשובה...



## אמת'ע מסירת-נפש!

אט גיבט א קוקט אויף נחום ברוך - א צוואנציג יעריגער יונגערמאן, פינף יאר נאך די חתונה, וועלכער האט באוויזן צו אנטלויפן פונעם ארט אינאיינעם מיט זיין בני-בית, א זאך וואס ווייניג האבן געקענט באווייזן.

נחום ברוך איז אוועקגעגאנגען פונעם ארט מרצונו הטוב, נאך וואס ער האט זיך דערוויסט פון די מעשים תעתועים וואס דער פריעדיגער רבי האט אפגעטון מיט זיינע עלטערע ברידער. נחום ברוך האט פון אנהויב נישט געגלויבט דערין און ער האט באשלאסן נאכצוגיין די געשיכטעס און זיך דערוויסן די ווארהייט דערפון.

די אויסגאנג פון די חקירות ודרישות איז געווען זייער ביטער און דאס האט אים שטארק דערשראקן, נישט איבערלאזנדיג קיין מקום פאר א ספק. עטליכע טעג איז ער געלעגן אין בעט צוליב חלישת-הדעת, נישט וואוסנדיג וואס צו טון מיט זיך. נחום ברוך האט זיך נישט געפוילט און ער האט זיך געוואנדן צו דער אב-בית-דין, דער ריש-סידרא מיטן ריש-מתיבתא, פאדערנדיג פון זיי תשובות אויף זיינע שאלות. אבער קיין זאכליכע תשובות האט ער נישט געקענט באקומען דערפאר.

אריינקלערנדיג טיף וואס עס איז דער רצון-השם אז ער זאל אצינד טון, האט ער נישט פארמאגט קיין ברירה און מיט א שווער הארץ איבערגעלאזט די קהילה, אפשרייבנדיג א לענגערן בריוו פארן חכם. אינעם בריוו ברענגט ער ארויס זיין אנטריסטונג דערויף וואס מען האט אים אויסגעפאפט א גאנצן לעבן מיט ליגנט און הבלים. גלייכצייטיג דערמאנט ער אויך ארויס וויפיל מסירת-נפש ער האט געהאט טוענדיג זיין שריט, וויסנדיג אז איין שאלה וואס ווערט געפרעגט עטוואס נישט אין פלאץ, קען מען אין לב-טהור פארלירן דאס ווייב. ער האט אבער מחליט געווען אז ער איז גרייט אויף אלעס, אפילו אויף די געלעגנהייט אז ער וועט מער קיין קינדער חלילה נישט קענען האבן, אבער ער מוז דערגיין דעם אמת.

און ליידער איז דער אמת, זייער א ביטערער.

ווען נחום ברוך איז ארויסגעגאנגען, האט די הנהלה נישט געהאט קיין ברירה, נאר אראפצומאלן נחום ברוך אלס זינדיגער מענטש, וועלכער איז נכשל געווארן מיט די חמורות שבחמורות. דאס אלעס זענען זאכן וואס יעדער איינער וואס קען אביסל נחום ברוך, ווייסט אז די זאכן זענען שקר וכזב. זיין יראת-שמים און יראת חטא איז א שם דבר פאר יעדן איינעם וואס קען אים אביסל. פייערדיגע דרשות זענען געהאלטן געווארן דורכ'ן ריש-מתיבתא און אנדערע פירער, וועלכע האבן בארעדט נחום ברוך מיט דאס ערגסטע וואס עס איז נאר שייך.

נחום ברוך האט איבערגעלאזט א לעבן אין די קהילה, זיין משפחה, ברידער און שוועסטער, טאטע און מאמע, מיט וועמען ער קען מער נישט האבן קיין שייכות. זיי שפייען אויף אים ווען זיי באגעגענען אים אין גאס.

נחום ברוך מיט זיין ווייב געפינען זיך היינט אין גוטאמאלא, אינדרויסן פון לב-טהור. דאס פאר פאלק נויטיגט זיך אין פיל הילף, וואס קאסט אפ שווערע געלטער. זיי דארפן ארויסקומען קיין אמעריקע און אנהויבן א נייע לעבן, וואו זיי ווילן קענען זיך איינגלידערן אין איינע פון די קהילות קדושות בישראל, מיטן אויבערשטנ'ס הילף.

מיר קענען העלפן נחום ברוך. עס איז נישט פארהאן קיין שום סיבה פארוואס מיר זאלן אים נישט העלפן. מיר דארפן נאר האבן א רצון און א געפיל פאר אים.

## יסורים של אהבה

ווי אזוי האבן מיר פארגעסן, ידידיה אברהם...

ידידיה אברהם איז א יונגערמאן פון זעכצן יאר, וועלכער איז אריבער א שווערע לעבן פון צרות יגון ואנחה אויף אן אומבאשרייבליכן פארנעם. די הנהלה פון לב-טהור האט אים אלע יארן גע'רודפ'ט און פארפלאגט פיזיש און גייסטיש, אויף אן געפערליכן אופן, על לא עול בכפו.

צווישן די עונשים ועינויים וואס ער האט געמוזט אריבערגיין איז געווען, גיין אנגעטון וואכנדיג בעצם יום-השבת, בשעת ער טאר זיך נישט געפינען בשעת די סעודות, מען האט אים געברענגט צו זיין צימער לחם-משנה, צו מאכן קידוש דערויף און זיך וואשן. דאס אלעס, ווען בשעת מעשה גייען אלע בחורים און קינדער אריבער דעם צימער אויפן באפעל פון די הנהלה, פארגיסנדיג זיין בלוט און שפעטן אפ פון אים ברבים.

ביי די פערצן יאר איז ידידיה אברהם אריבערגעגאנגען א חרם. מען האט אים באפוילן צו וואוינען אינדרויסן פון די קהילה, אליין אין א צימער נעבן א גוי'טע, בשעת ער גייט אריבער פיל שוועריגקייטן און די הנהלה פארהוילט זיך דערפון בזדון ובמזיד. ביי די פופצן יאר האט מען אים פארשפארט, אינאיינעם מיט נאך ניין בחורים, יונגעלייט, פון אלע יארגענג, אין א כמו תפיסה, וואו זיי האבן זיך געפינען אליין, אן די פרויען. דאס איז שוין אויסער די גע'הרג'עטע קלעפ וואס ער האט געכאפט במשך זיינע יארן.

צווישן אנדערע איז ער אויך באפוילן געווארן אויפצוהענגען א צעטיל אין בית-המדרש, וואו ער האט געדארפט שרייבן אויף זיך אז ער איז א רשע און א חוטא במזיד, זייענדיג זיך מתוודה אויף זיינע עבירות, און א ווארענונג פארן עולם אז קיינער זאל זיך נישט אפלערנען פון אים. אין יענע יארן האט די הנהלה אויך אויפגעהאנגען א צעטיל מיט א ווארענונג אז קיינער טאר נישט רעדן מיט אים.

אויב דאס איז נישט גענוג, האט מען אים אלס צוגאב באפוילן צו מאכן א תענית-דיבור אויף א יאר צייט, שלאפן אויף דער ערד, אויסזאגן דריי מאל א וואך תהלים במתינות, און נאך פילע תיקוני תשובה.

אזוי ווי אלע אנדערע יונגעלייט אין די קהילה, האט ידידיה אברהם באקומען צו זיין חתונה א מדריך, וועלכער האט אים באגלייט נאך די חתונה. דער מדריך אין לב-טהור איז א מומחה אריינצוקריכן אין די קושקעס פון די יונגעלייט און באפעלן וואס צו טון און ווען צו טון... אמאל ווען מען האט באפוילן פאר ידידיה אברהם אהיימצוגיין, האט ער גע'טענה'ט אז עס איז היינט א טאג וואס מען טאר נישט... האט אים דער מדריך געזאגט אז טאמער ער הייסט אזוי, איז ער דאס מחויב צו טון. שפעטער ביינאכט האט מען זיך דערוויסט פונעם סוד אז ער האט נישט געטארט וד"ל. דער מדריך האט אים מכשיל געוועזן מיט אן איסור חמור מאוד. וואס האט אים דער מדריך געענטפערט דערויף? - "דו האסט געטון וואס דו האסט געדארפט, דו האסט געפאלגט, און די איבעריגע לאז פארן באשעפער..." עפ"ל.

נאך די חתונה איז ידידיה אברהם באפוילן געווארן צו מאכן א תיקון אינדערהיים, אז במשך א יאר צייט גייט ער זיך נישט זארגן פאר די גשמיות פון די שטוב, צי עס איז אויפגערוימט און צוזאמענגענומען, ווי אויך אז ער גייט מאכן א תענית-דיבור אינדערהיים, נאר בלויז פארלערנען פון א ספר, וואס דאס וועט ער טון יעדע נאכט.

> **ביי די פערצן יאר איז ידידיה אברהם אריבערגעגאנגען א חרם... ביי די פופצן יאר האט מען אים פארשפארט, אינאיינעם מיט נאך ניין בחורים, יונגעלייט, פון אלע יארגענג, אין א כמו תפיסה, וואו זיי האבן זיך געפינען אליין, אן די פרויען.**

ווען עטליכע קרובים פון ידידיה אברהם האבן פארלאזט די קהילה, האט די הנהלה איינגעזען פאר וויכטיג, צו צעטיילן די שטוב פון ידידיה אברהם אויף א שטיק צייט, אז ער זאל נישט קענען פארלאזן די קהילה אינאיינעם מיט איר. אין די תקופה האט ידידיה אברהם מיטגעמאכט געפערליכע עינויים קשים ומרים, ווערנדיג באפוילן צו שלאפן אין ווייבער-שוהל פון בית-המדרש, אונטער שווערע אומשטענדן.

ענדליך האט די קהילה איינגעוויליגט אים צוריקצוגעבן זיין בני-בית אויף איין נאכט. עס איז נישט אנגעקומען אזוי פשוט, זי איז אריבערגעגאנגען נעמען א צוויי-שעה'דיגער הדרכה פונעם אב-בית-דין, וועלכער האט איר מדריך געווען וואס צו טון און וואס נישט. לויט די אנווייזונגען פון דער אב-בית-דין, האט זי געטון מיט אים דאס וואס דלילה האט געטון מיט שמשון-הגיבור, ארויסבאקומענדיג פארשידענע סודות פון אים.

דאס האט צוגעברענגט אז ער זאל פארטריבן ווערן פון די קהילה. געווען איז דאס אום ערב פסח, א האלבע שעה פארן זמן, ווען מען האט געמאלדן פאר ידידיה אברהם אז ער מוז פארלאזן די קהילה. ידידיה אברהם האט זיך געבעטן אז ער מוז האבן וואו צו עסן פסח ביינאכט, ער דארף אפפירן א סדר, אבער די הנהלה האט נישט געוואלט באוויליגן און ער איז געווען ארויסגעווארפן פון לב-טהור.

ליל התקדש חג הפסח, אידן זיצן ביי די סדרים אינדערהיים, בשעת ליכטיגקייט און פרייליכקייט הערשט אומעטום, אבער ידידיה אברהם דרייט זיך ארום אין די גאסן, נישט קיין סדר און נישט קיין פרייד. ער שוועבט איבער די גוי'אישע גאסן אין גואטאמאלא, א איד אליין.

דער טראמא וואס א זעכצן יעריגער ידידיה אברהם איז דורכגעגאנגען במשך דעם יום-טוב, האט אים צוגעברענגט צו הויכע היץ מיט וואס ער האט זיך געדארפט ספראווען. ידידיה אברהם איז געלעגן מיט הויך פיבער אין גוי'אישע האטעלן אין גואטאמאלא, בשעת ער ווערט געסטראשעט מיט טויט דורך גוים, וועלכע ווילן דערגרייכן דורך אים זייערע תאוות אדער געלט רח"ל. קיין טיילענאל אדער בארואיגונגס מיטלען האט ער נישט געטארט נעמען, וויבאלד דער חכם האלט אז מען טאר נישט נעמען קיין מעדיצין, טיילענאל אריינגערעכנט. בכלל איז מען זיך מונע אין לב-טהור צו נעמען מעדיצינישע הילף, א זאך וואס האט שוין אפגעקאסט פילע קרבנות רח"ל. אזוי צי אזוי האט די קהילה אים דעמאלס צוגעזאגט, אז טאמער ער וועט זיך צושטעלן צו אלע זייערע קאפריזן, וועט ער צום סוף קענען צוריקקומען צו די קהילה.

ענדליך האט מען אים באפוילן צו געבן א גט פאר זיין ווייב. דאס האט געזאלט פארקומען בסוד סודות, נאך וואס ער האט געדארפט פלוצלינג אנקומען קיין אמעריקע איבערצוגעבן א גט. אינצווישן האט אויסגעבראכן דער איבערפאל אויף לב-טהור, די ווייב פון ידידיה אברהם איז גענומען געווארן צוזאמען מיט אלע אנדערע קינדער, און אצינד געפינט זי זיך דארט.

אויך ידידיה אברהם ווארט צוריקצוקומען קיין אמעריקע, אינאיינעם מיט זיין ווייב און אנהויבן דאהי א נארמאלע לעבן בעזרת-השם.

וועט ידידיה אברהם זוכה זיין צו א נארמאלע לעבן, אונטער ערליכע אידן, יראי ה' וחושבי שמו? - ווען די עסקנים האבן גענוג פאנדן אים צו העלפן און שטעלן אויף די פיס געהעריג אין ניו-יארק?

די ענטפער געפינט זיך אין אייערע הענט!

## עובדיה הגר

דא האט איר די געשיכטע פון א גר, וואס האט זיך ממש מוסר-נפש געווען צו געפינען דער באשעפער. ער איז אריבערגעגאנגען שבעה מדורי גהינום, בלויז צו קענען אנקומען צו יהדות, אבער ליידער איז ער אנגעקומען אויפן פאלשן ארט, זיך פלאצירנדיג אין לב-טהור.

אצינד האט זיך אנגעהויבן א סעריע רדיפות אויף זיינע ביינער.

זייענדיג א דאקטער האט ער פארמאגט א שיינער הויז אין גואטאמאלא, אינאיינעם מיט א קליניק וואו ער האט אויפגענומען פאציענטן און דערפון געצויגן חיונה. די קהילה האט אים באפוילן אז ער מוז זיך אריינציען אין די בבל-קאמפלעקס, צו קומען וואוינען אינאיינעם מיטן גאנצן עולם

האבנדיג מסירת-נפש אויף אידישקייט, האט דער גר נאכגעגעבן זייערע פארלאנגען און אריינגעגאנגען וואוינען אין בבל.

דאן איז געקומען א נייע בקשה. אין לב-טהור איז פארהאן א תקנה, אז אלע נכסים פון יעדן מענטש, דארף אריינגעגעבן ווערן אין די קאסע פון די קהילה, וואו מען לעבט אונטער איין קאסע. דעריבער האט מען אים געבעטן אז ער זאל פארקויפן זיין הויז און אריינגעבן זיין גאנצע האב און גוטס, אריינגערעכנט אלע זיינע באנק קאנטעס און אלעס וואס ער פארמאגט, אלעס אונטער די קאסע פון די הנהלה.

ווידער האט ער דאס נאכגעגעבן און מנדב געווען זיין גאנצן רכוש פאר לב-טהור. ער האט פארקויפט זיין שיינעם הויז מיטן קליניק, און דאס אהינגעגעבן פאר די קהילה (פארשטייט איר שוין פון וואו זיי האבן געלט?).

דאן איז געקומען א נייע בקשה, וויבאלד די גיור איז נישט געווען אין לב-טהור, דארף ער זיך פון פריש מגייר זיין. ער דארף איבערמאכן זיין ברית, ווי אויך פאר זיינע קינדער, און אפילו פאר די וואס זענען שוין געבוירן געווארן נאך זיין גיור.

ער האט דערויף אויך מסכים געווען.

דאן איז געקומען דער עיקר! - מען האט אים געהייסן געבן א גט פאר זיין ווייב און איבערגעבן די קאסטעדי פון די קינדער פאר די קהילה.

דאס איז שוין געווען א רויטע ליניע פאר דער גר. ער איז דאן אריינגעקומען אין בית-המדרש און אויסגערופן ברבים, "איר זאלט וויסן אז איר פארמאגט דא א נייער יאשקע, עס איז נישט אידישקייט, איר זענט אין א קולט!"

מיט דער קידוש שם שמים איז ער ארויסגעגאנגען פון די קהילה, בגפו יבוא ובגפו יצא.

אויך דער גר ווארט אויף א ישועה, און אז אידישע קינדער זאלן אים העלפן זיך שטעלן אויף די פיס.

## נו, ווער נאך?

אט די אלי' ניסנ'ס, אלתר פתחי'ס, נחום ברוכ'ס, ידידיה אברהמ'ס און עובדיה'ס, זענען בלויז עטליכע פון די פילע געשיכטעס וואס האלטן זיך אצינד אינמיטן אויסשפילן אין גואטאמאלא. עס זענען פארהאן צענדליגע קינדער און בחורים, צווישן זיי אזעלכע וואס שטאמען פון די חשוב'סטע משפחות ביי כלל-ישראל, מגזע רבנים קדושים וטהורים, וועלכע ווארטן אויסגעלייזט צו ווערן פון זייער גלות בתוך גלות. זייערע געשיכטעס וואס איר האט אצינד געליינט, זענען בלויז מעט מן הזעיר וואס עס טוט זיך אפ אין דער קולט אין גואטאמאלא.

און וואס איז מיט די קינדערליך און בחורים וועלכע געפינען זיך נאכאלס געצווינגען אין לב-טהור, נישט האבנדיג די גלעגנהייט ארויסצוקומען?

איר ווייסט וויפיל צענדליגע נפשות ווארטן אויף א גלעגנהייט און וואלטן שוין אזוי שטארק געוואלט ארויסקומען פון דארט? - די נומערן זענען פיל מער פון וויפיל איר קלערט! - די עסקנים באקומען טעגליך טעלעפאן רופן פון מענטשן, וועלכע בעטן זיך ארויסצוקומען פון דארט און אז מען זאל זיי העלפן דערמיט.

און וואס טוט זיך מיט די אלע וועלכע ווילן "נישט" ארויסקומען פון דארט? - די וועלכע זענען נעבעך געפאנגען מיט אומזעבארע קייטן, און זיי מיינען נעבעך אז דארט איז זיי גוט, און זיי ווייסן נישט דעם טעם פון קרבת אלקים לי טוב? - אויף זיי דארף מען נישט קיין רחמנות האבן?

און ווארט נאר ווארט... וואס טוט זיך מיט די ערוואקסענע אין לב-טהור? -איר מיינט אז אלע זענען דארט מרצונם הטוב? - איר ווייסט וויפיל מענטשן ווערן דארט גייסטיש געפייניגט?

זיי אלע ווארטן ארויסצוקומען פון דארט. זיי זיצן און לעכצן אויף א גלעגנהייט, ווען זיי וועלן זיך קענען אויפהייבן און אנטלויפן פונעם ארט.

אין לב-טהור איז א נארמאלע זאך צו פארשיקן מענטשן פון די קהילה, אן קיין פריעדיגע ווארענונג און זיי לאזן אויפן וואסער. בלויז אין די לעצטע האלבע יאר, האט די הנהלה פון לב-טהור ארויסגעווארפן אן ערך פון א מנין יונגעלייט, אין די עלטער צווישן פערצן און זעכצן, בשעת מען האט זיי פארשיקט פון די קהילה, נישט לאזנדיג מיטנעמען די פרויען און די קינדער. מען דארף געדענקען, אז אין לב-טהור איז איינגעפירט חתונה צו האבן אין א יונגן עלטער פון דרייצן יאר, אזוי אז ביי די פופצן יאר קען מען שוין זיין א טאטע פון קינדער.

די יונגעלייט וואס ווערן ארויסגעווארפן פון די קהילה, קענען לעגאל גארנישט טון. זיי זענען מינדעריעריגע און זיי קענען זיך נישט רירן אן דעם וואס איינער זאל נעמען אויף זיי לעגאלע גארדיען שיפט, קאסטעדי. זיי קענען נישט אוועקפארן פון גוטאמאלא, זיי קענען זיך נישט אוועקזעצן אויף א פליגער, און אפילו בלייבן אין לאנד איז א פראבלעם, וויבאלד די עלטערן קענען יעדן טאג קומען און קלאגן אויף קידנעפינג, פאר יעדן אינווידואל וואס וויל זיי העלפן.

דעריבער, א יונגערמאן וואס ווערט ארויסגעווארפן פון די קהילה, בלייבט געהעריג אויפן וואסער, אן קיין פלאן אויפן קומענדיגע לעבן.

זיי אלע ווארטן אצינד אויף אונזער הילף. מיר מוזן זיי העלפן!

## ארויס פון בבל

אין די יעצטיגע טעג קומט פאר א גרויסן קאמפיין אויף די שטיצע צו העלפן די דאזיגע צובראכענע קינדערליך ארויסצוקומען פון דעם ארט. בראש פון די עסקנים שטייט דער גרויסער דיין, דער יחיד מומחה אין פדיון שבויים, דער חיד"ו ווייס שליט"א, אינאיינעם מיט פיל אנדערע גדולי אדמורי"ם ורבנים, פון די שענסטע און גרעסטע וואס כלל-ישראל פארמאגט.

דער פלאן איז ארויסצונעמען די קינדערליך פון דעם דאזיגן ארט, און עס איז צום האפן אז אין זייערע פיס-טריט וועלן נאכקומען אויך די ערוואקסענע, וועלכע וועלן איינזען די שחיתות און פארדארבנקייט פון דעם ארט, א רוח תשובה וועט זיי אנכאפן און אין די לעצטע מינוט איידער די גאולה שלימה, וועלן זיי זיך מיטכאפן אויף דעם ריכטיגן וואגן און זוכה זיין צו תשובה שלימה

עס איז דער האפענונג פון יעדן איינעם, אז כלל-ישראל וועט שטיין צו הילף פאר די עסקנים, און ארויסהעלפן מיט וואס אימער מען קען, בגוף ובנפש ובממון.

טייערע ברידער:

איר געדענקט זיכער ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט ביי די צווייטע וועלט מלחמה, ווען מיר האבן געהאט די גלעגנהייט צו ראטעווען טויזנטע אידן, אבער מיר האבן ליידער פארפאסט גלעגנהייט, מיט די תירוץ אז "מ'האט נישט געוואוסט, מען האט נישט געכאפט...".

אצינד ווייסט מען שוין, אצינד כאפט מען שוין...

אפשר זענען מיר אביסל שפעט, אפשר ווייסן מיר נאכנישט אלעס, אבער מיר זענען אלע מחויב מדין ערבות צו העלפן די דאזיגע צובראכענע נפשות ישראל. מיר מוזן זיך אנשטרענגען זיי צו העלפן.

**געדענקט!**
**כל המקיים נפש אחת מישראל, כאילו הציל עולם מלא.**

•••

# איז דאס א אידישע לעבן?



**למה ומדוע?**

פארוואס פייניגט מען זיי, פארוואס לאזט מען זיי נישט לעבן?

מאנכע פרעגן: לב-טהור איז עקסטרים, ראדיקאל און זיי לעבן אנדערש ווי אונז. נו, איז וואס? - האבן מענטשן נישט קיין רעכט צו לעבן אביסל אנדערש ווי מיר זענען צוגעוואוינט?

יעדער פארשטייט אז לב-טהור איז געגאנגען א ווייטע וועג, און זייער השקפות זענען גאר אנדערש פון אונזערע. אבער מיינט דאס אז מען דארף זיי יורד זיין לחייהם און זיי נישט לאזן לעבן, אזש ביזן צונעמען די קינדער?

אפשר דארף מען זיך אפשטעלן און טראכטן, מעגליך אז מען דארף לאזן מענטשן לעבן זייער וועג ווי אזוי זיי האבן אויסגעקליבן, אפילו דיר געפעלט נישט דעם וועג?

מיר האבן דערפאר אויסגעקליבן אייך אראפצוברענגען און אראפמאלן א שטיקל בילד ווי אזוי עס קוקט אויס אין לב-טהור, איר זאלט האבן א שטיקל השגה פון וואספארא סארט לעבן עס רעדט זיך דא. אזוי וועט איר קענען אליין משפט'ן און דן זיין, צי מען דארף דאס אפשטעלן, אדער אפשר דארף מען דאס לאזן גיין אזוי ווי עס איז.

## ווער איז לב-טהור?

צום אלעמען ערשטן דארפן מיר קלאר מאכן פון וועמען מיר רעדן.

עס זענען פארהאן מענטשן וואס קלערן, אז לב-טהור איז א קהילה פון בעלי-תשובה אדער גרים. דער אמת איז אז א גרויסער פראצענט פון לב-טהור זענען היימישע משפחות וואס זענען ליידער אהין פארכאפט געווארן. זיי שטאמען פון די חשוב'סטע משפחות אין ניו-יארק, צווישן זיי ציילן זיך רבני'שע משפחות מיט ברייטע שורשים אין די תורה'דיגע וועלט.

טאקע דערפאר איז די ווייטאג אזוי גרויס, בשעת היימישע אידן זענען אזוי פארקראכן און פארפארן פון דעם גלייכן ריכטיגן וועג.

אונזער פליכט איז, זיי צוריקצוברענגען על דרך הישר, זיי צו העלפן און זיי מסדר זיין מיט א זיסע ליכטיגע אידישע לעבן.

גלייכצייטיג מאנט דאס פון אונז און דאס ברענגט אונז ארויס א מוסר-השכל, ווי שטארק מען דארף לייגן א געוויכט אויף חינוך הבנים והבנות, זיי זאלן האבן די ריכטיגע השקפות און דרך, צאו לך בעקבי הצאן, נאכצוגיין די הייליגע וועגן פון אונזערע זיידעס, אז זיי זאלן נישט זוכן קיין נייע גליקן אין פרעמדע פעלדער.

לאמיר דא אראפשטעלן א טיילוויזע בילד, איר זאלט פארשטיין ווי אזוי עס קוקט אויס דאס לעבן אין לב-טהור.

## ווי אזוי וואוינט מען אין לב-טהור?

דאס לעבן אין לב-טהור איז ביטער שווער. דאס וועלן אייך אלע מודה זיין, לב-טהור סימפאטיקער ווי מתנגדים צוגלייך. עס איז נישט פארהאן דארט דאס מינדסטע חיונה, נישט צו עסן און נישט צו שלאפן און נישט דאס וויכטיגסטע באדינגונגען.

לאמיר אייך אביסל פארשטעלן ווי אזוי עס קוקט דארט אויס דאס לעבן.

אין זייער שטעטל 'בבל' איז כמעט נישט פארהאן קיין אייגענע וואונונגען פארן ציבור, דער גאנצער עולם וואוינט אין איין גרויסער צימער, וואס מען רופט אן "דער דרוקעריי", וויבאלד זיי האבן אמאל געהאט א חלום אויפצושטעלן דארט א גרויסער דרוקעריי. למעשה וואוינט כמעט דער גאנצער עולם, איבער צוויי הונדערט נפשות, אין איין ריזיגער רויע זאל, אן קיין געהעריגע הייצונג, קילונג און אנדערע באדערפענישן, בשעת עס איז אפגעטיילט צווישן איין משפחה מיטן אנדערן, מיט א דינע פלאסטיק, כמו שלאק, וואס ציעט זיך ביז כמעט ארויף. יעדע משפחה פארמאגט קוים עטליכע פיס פאר זייער באנוץ, בשעת עס זענען פארהאן בלויז צוויי ביה"כ מיט צוויי שויערס פארן גאנצן קאמפלעקס. שטענדיגווארטן דארט מענטשן... הייסע וואסער איז נישט פארהאן אינעם קאמפלעקס.

איר קענט זיך פארשטעלן אז קיין טראפ פריוואטקייט און צניעות איז דארט נישט פארהאן, קינדערליך קלענערע און גרעסערע, יונגעלעך מיט מיידעלעך, ווינדלעך מיט וועש, אלעס פליעט אלעס שמעקט אלעס שווימט, עס טוט זיך א בהלה וואס איר קענט זיך נישט פארשטעלן. עס איז א פלאץ וואו עס איז אומאויסהאלטבאר צו לעבן דארט. אויב אינמיטן נאכט וויינט א קינד, וויינען אלע קינדער מיט יענעם מיט... ס'טוט זיך דארט אויף טישן און בענק. עס איז נישט פארהאן קיין שום פריוואטקייט וואס פעלט זיך אויס אין א אידישע שטוב וד"ל. מען דארף באמערקן, אז די מחיצות זענען געמאכט געווארן פון אזא פלאסטיק וואס מען קען דורכלעכערן מיט די פינגער, און דאס האט שוין ליידער אפגעקאסט אסאך קרבנות.

אינעם עק פונעם קאמפלעקס געפינט זיך זייער בית-המדרש, אינאיינעם מיט זייער תלמוד-תורה, פון אונטן געפינט זיך דער (קאלטער) מקוה מיט א שטיקל בעקעריי.

אין לב-טהור ענטפערט מען דערויף: ריכטיג, אבער מיר האבן דען אויסגעקליבן אזוי צו לעבן? - מיר האבן נישט קיין ברויט צום עסן, מיר לעבן אין ארעמקייט. אדרבה, אויב זאל כלל-ישראל אונז קומען צו הילף, וואלטן מיר געהאט שיינע הייזער און וואוינונגען, אזוי ווי מיר האבן געהאט אין קאנאדע.

דער ענטפער דערויף איז: נניח אז איר זענט גערעכט, זענט איר אבער דורכגעפאלן אין אייער קהילה. איר האט אוועקגעשטעלט א מהלך צו לעבן און פירן א קהילה, און איר קענט דאס נישט פירן געהעריג, איר קענט נישט צושטעלן קיין געהעריגע וואונונגען, דער עולם פלאגט זיך דארט אין ארעמקייט. דאן, לייגט אוועק אייערע לייצעס, לאזט דעם עולם במנוחה און יעדער זאל זיך גיין צו זייער ארט.

וואוינען אויף אזא אופן, נישט בצניעות און אונטער א פיינפולע אטמאספערע, איז נישט אויסגעהאלטן ברוחניות און בגשמיות. אויב קען מען נישט צושטעלן קיין געהריגע מינימאלע באדינגענגען - זאל די סיבה זיין סיי וואספארא - דארף מען ענדיגן דעם פלאץ און צוריקשיקן דעם עולם.

אזוי לעבט מען נישט!

## בעל-בתיש!

אין לב-טהור איז פארהאן א מושג וואס רופט זיך "בעל-בתיש". טייל יונגעלייט וועלן בא'קנס'עט ווערן און באטיטלט ווערן אלס "בעל-בתיש", דאס איז א מושג וואס איז באקאנט אין לב-טהור מיט זלזול, אזוי ווי ביי אונז וואלט מען אנגערופן א 'באם'.

וואס מיינט דאס בעל-בתיש?

א יונגערמאן האט נישט וואס צו טראכטן פון זיין הויז, עס צו מאכן אביסל שענער און לעבן אביסל פראקטישער און געשמאקער. אויב וועט א יונגערמאן צורישן זיין הויז און דאס מאכן שיין, וועט דאס באטראכט ווערן ווי איינע פון די גרעסטע חטאים אין לב-טהור.

אז א יונגערמאן קומט אריין אין זיין דירה און ער זעט אז עס איז אביסל אנגעווארפן אויפן ארט. טאר ער נישט מעורר זיין און זאגן קיין ווארט דערויף, דאס איז דאך דברים פשוטים, דערפון רעדט מען אפילו נישט. אבער אפילו אויב דער יונגערמאן וועט זיך ארויפשארן די ארבל, אראפנעמען עפעס פון טיש און דאס אוועקלייגן, וועט דאס זיין

בעזה"י

## לשכת טובי הקהל

שע"י קהילת קודש
**חשק שלמה-לב טהור**
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
ובהדרכת מורינו הריש מתיבתא שליט"א

ד׳ לסדר תזריע מצורע תשפ"א

### מודעה

מיר ווילן דערמאנען די תקנה פון די ריש מתיבתא שליט"א ביי די ענין פון רעדן מיט מענטשן וואס זענען נישט פון די חבורה הק׳.

אויב איינער דארף רעדן צו מענטשן וואס זענען געווען אין די חבורה, אדער צו מענטשן וואס זענען נישט געווען אין די חבורה פאר סיי וועלכע ענין לדוגמא בעטן צדקה, בעטן טובות וכדו׳, אזוי אויך רעדן צו משפחה, דארף באקומען רשות בכתב פון די לשכת טובי הקהל.

מען וועט דארפן אויספילן א צעטל מיט די פאלגענדע שאלות כדי צו באקומען רשות.

- פאר ווי לאנג דארף מען די רשות.
- צו וועמען דארף מען רעדן.
- די סיבה פארוואס דארף מען רעדן.

אויב די ענין איז בעטן אדער שאפן געלט, וועט די צעטל דארפן ווערן באשטעטיגט אויך ביי די הנהלה גשמית.

אזוי אויך ווער עס האט שוין באקומען רשות דארף עס באנייען בכתב.

די צעטל צו אויספילן קען מען באקומען ביי ר׳ יוסף דוד דוב מלכא הי"ו.

בשם חברי טובי הקהל
משה חיים צבי מלכא
סגן ספרא דדיינא

בעזה"י

## לשכת טובי הקהל

שע"י קהילת קודש
**חשק שלמה-לב טהור**
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
ובהדרכת מורינו הריש מתיבתא שליט"א

ערב ראש חודש מנחם אב תשפ"א

### מודעה נחוצה

**מיט דעם ווילן מיר לאזן וויסן אז קיינער טאר נישט האבן קיין שום שיכות און זיכער נישט רעדן מיט [redacted] בלי שום יוצא מן הכלל**

**ולשומעים יונעם ועליהם תבוא ברכת טוב**

בשם חברי טובי הקהל
משה חיים צבי מלכא
סגן ספרא דדיינא

א זינד, דאס וועט הייסן "בעל-בתיש" - וואו קומט א חסידי'שער יונגערמאן זיך צו זארגן אויף אזעלכע זאכן און טראכטן אויף די סדר פון זיין שטוב?

אין א פאל איז געווען איינער, וואס האט געוואלט האבן ספרים פאר זיך פריוואט, האט ער זיך איינגעהאנדלט א ש"ס. אוי האט זיך איבערגעקערט אין די הנהלה. קודם-כל פון וואו האט יענער דאס געלט דערצו, און צווייטנס, דאס הייסט 'בעל-בתי'ש'...

דער היינטיגער חכם האט איינגעפירט, אז יונגעלייט זאלן נישט אהיימגיין במשך פון די גאנצע וואך, נאר זיי זאלן זיך געפינען באזונדער אין טרעילערס, אזוי ווי א דארמעטארי, און מען זאל נישט אהיימגיין משבת לשבת, אבער דאס איז אויך נישט שטענדיג. א יונגערמאן וואס פארזינדיגט זיך פארן סיסטעם, וועט גע'קנס'עט ווערן אז די וואך שבת קען ער נישט אהיימגיין, אדער אז ער מעג אהיימגיין בלויז פרייטאג צו נאכטס און נישט שבת בייטאג, אדער פארקערט, הכל כפי ראות עיני הריש-מתיבתא או המדריך.

צופעליג האבן די פרויען אויך גענומען אויף זיך א 'תענית-דיבור' במשך יום השבת, מפני קדושת השבת...

אך און וויי אויב א יונגערמאן וועט זיך דערוואגן צו בעטן רשות אהיימצוגיין אינמיטן וואך, צוליב דעם וואס ער שפירט אז זיין ווייב דארף אביסל מער הילף, ער וועט באטיטלט ווערן אלס "בעל-בתיש", א מושג וואס מען נוצט אין לב-טהור פאר א פראסטער יונגערמאן און מען וועט אים אנהויבן רודפ'ן דערפאר.

## כיס אחד

דאס ארעמקייט אויפן ארט איז אויף א הויכן ניווא. אויב ארעמקייט וואלט געווען א ספארט, וואלטן זיי ווארשיינליך געוואונען די אלימפיקס. עס איז נישט פארהאן גארנישט צו עסן און צו טרינקען און עס איז נישט פארהאן אויפן ארט דאס וויכטיגסטע וואס א מענטש דארף האבן.

מען דארף נעמען אין באטראכט, אז דער רבי אויפן ארט האט איינגעפירט, אז קיינער זאל נישט פארמאגן קיין אייגענע געלט. עס איז פארהאן א תקנה אויפן ארט וואס רופט זיך "כיס אחד", אז די גאנצע קהילה באשטייט פון איין קאסע. אלע דארפן ארבעטן און אריינברענגען געלט, לויט א געוויסע סדר, אבער אלעס באלאנגט פאר די הנהלה. אויב איינער דארף האבן געלט, דארף ער זיך ווענדן צו די הנהלה מיט א ביטע, און זיי זענען מחליט אויב מען זאל יענעם געבן אביסל געלט אדער נישט.

אין די יעצטיגע מהומות, זינט מען האט אוועקגענומען די קינדער פון דעם ארט, האבן די הנהלה פארלאנגט אז אלע פרויען זאלן זיך געפינען אויף די גאס, אויף איין שטח אפגעטיילט פון די מענער. דארט עסן זיי און שלאפן זיי, אויף די צעמענטענע גאס. קיינער טאר נישט טוישן קיין וועש אדער זיך ארומוואשן. דער מצב גייט שוין אן באלד צען וואכן. די מטרה דערפון איז, אז אזוי זאל מען האבן שמירה אויף די פרויען, אז קיינער זאל זיך נישט ברעכן און קענען פארלאזן דאס פלאץ, צו קענען ארויסקומען פון דארט און אנהויבן א נארמאלע לעבן.

לעצטנס איז געווען א קימפעטארין בלויז איין וואך נאכן האבן א קינד. איר מאן איז געקומען צו די הנהלה, אז אפשר זאל מען באצאלן פאר א האטעל בלויז אויף איין וואך, אז זיין ווייב זאל קענען קומען צו די כוחות. האט ער געכאפט א סילוק פון זיי, היתכן, פרויען האבן מסירת נפש צו שטיין אויף די גאסן און דו ווילסט זיך א האטעל...

אויב כאפט מען אמאל א יונגערמאן מיט איבעריגע געלט, וואס ער האט באקומען בשתיקה פון א קרוב משפחה אדער פון א גוטע פריינט, וועט מען אים בא'קנס'ענען און באשטראפן.

## כשרות

ווען דער היינטיגער רבי איז ארויפגעקומען אויפן טראן, האט ער איינגעפירט שווערע און שרעקליכע גזירות מיטן אויסרייד פון כשרות. זיין סדר פלעגט זיין, אז יעדע ליל-שישי האט ער זיך אוועקגעשטעלט רעדן אין בית-המדרש, וואו עס זענען זיך צוזאמענגעקומען אנשים נשים וטף, אויסצוהערן זיין דרשה. ער האט געקענט רעדן זיבן שעה אין א ציה און קיינער האט נישט געטארט איינשלאפן. טאמער יא, האט מען באפוילן יענעם צו שטיין אויף די פיס.

דער רבי האט געקענט אנקומען דריי שעה שפעט, אבער דער גאנצער עולם האט געמוזטווארטן אויף אים. מען האט נישט געטארט עפענען א ספר אדער טון עפעס אנדערש אינמיטן, וויבאלד דאס איז נישט קיין דרך-ארץ. מען האט געמוזט זיצן און ווארטן אויפן רבי'ן און גארנישט טון.

די דרשות פלעגן נעמען א גאנצע נאכט, און מענטשן פלעגן ציטערן, וואס גייט זיין די היינטיגע נייע גזירות... יעדע וואך איז געקומען עפעס ניי. איין וואך האט מען גע'אסר'ט פלייש, קומענדיגע וואך איז פיש געווארן אסור, דאן איז געקומען די רייע אויף אייער און דערנאך מילעך.

עס איז געווען דאנערשטאג ביינאכט, די פרויען האבן שוין געהאט צוגעגרייט זייערע ארעמע סעודות אויף שבת, אבער אויפן באפעל פונעם חכם האט מען אלעס געמוזט אוועקווארפן, און אך און וויי פאר איינער וואס האט באשלאסן אז אויף דעם שבת וועט ער נאך עסן וואס מען האט צוגעגרייט - שומו שמים!

פלאסטיק געשיר איז אויך אסור אין גואטאמאלא, צוליב חשש כשרות. דער עולם פארמאגט געהעריגע געשיר, אבער צובראכן און צעשאסן, קיינער האט נישט קיין געלט פאר געהעריגע געשיר.

ווען מען האט געפרעגט דעם חכם, אז די פרויען פארמאגן נישט גענוג פראטין און כוח, א זאך וואס ברענגט פארשידענע געזונט קאמפליקאציעס, האט דער חכם געענטפערט, "וואס זאל איך טון, זאל איך מתיר זיין דבר-אחר"?

## משפחה לעבן

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי...

דאס איז די פאסיגסטע אויסדרוק מיט וואס מיר קענען אנהויבן. וויפיל מיר וועלן שרייבן וועט דאס נישט זיין גענוג.

וואס דער פריעדיגער רבי האט געטון בשעתו, בשעת ער האט געלעבט, איז א חרבן פאר זיך... וויפיל אידישע דורות ער האט אפגע'הרג'עט אונטערן שלייער פון תיקונים און העכערע זאכן, זאל גאט שומר ומציל זיין. עס זענען פארגעקומען גביית עדות דורך יונגע מענטשן וואס זענען אריבער דאס שרעקליכסטע דורכ'ן רבי'ן. די רבנים זענען ערשיטערט געווארן צו הערן דאס וואס זיי האבן דערציילט. דערמיט האט ער אויסגע'שחט'ן אידישע דורות, זיך באדנדיג אין זייער בלוט ה"י.

אין לב-טהור מאכט מען חתונה אין גאר א יונגן עלטער פון דרייצן יאר, און מיידלעך ביי די צוועלף. די עלטערן האבן נישט קיין רעכטן אריינצורעדן אין דעם שידוך, זיי קענען אפילו נישט זאגן אז זיי האלטן אז דאס קינד איז נאכנישט רייף חתונה צו האבן, און טאמער דערוואגט זיך איינער צו זאגן אזא זאך, נעמט מען אים גראד אוועק די פרוי מיט די קינדער, און מען וועט צוגיין צום שידוך אן אים.

א ווערטל דרייט זיך ארום אין לב-טהור, אז באמת וואלט מען געדארפט זאגן ביי א חופה, "הרי את מקודשת להנהלה", וויבאלד די פרויען באלאנגען באמת נישט פאר די מענער, מען קען נישט נוצן דעם ווארט "לי", אלעס באלאנגט פאר די הנהלה פון לב-טהור. אין דער פארגאנגענהייט, ווען א פרוי האט נישט געוואלט נעמען קיין גט פון איר מאן, האט מען חתונה געמאכט דער מאן אן קיין היתר מאה רבנים, נאר בלויז מיט 'הפקעת קידושין', טענה'נדיג אז די גאנצע קידושין האט חל געווען בלויז אדעתא דהכי אז די פרוי איז אונטערגעווארפן די רוחניות'דיגע הנהגה אין לב-טהור, און טאמער נישט האט די קידושין למפרע נישט חל געווען.

איבער די יונגע בחורים וואס האבן חתונה, ווערט געשטעלט א מדריך אין עלטער פון צוואנציג יאר בערך, וועלכער שטייט איבער די יונגע חתנים. זייענדיג יונג זענען זיי נאכנישט רייף גענוג אויף חתונה צו האבן און דער מדריך באפארעט זיך דערמיט. דער ווייטאג איז, אז יענער האט ליב אריינצוקריכן אין די קושקעס פון די יונגעלייט, ער פרעגט זיי אויס אלע אינלערליכע שאלות וואס עס פעלט נישט אויס און עס איז נישט אידישליך. עס איז נישט אויסשליסליך אז דער יונגער מדריך זאל אנרופן א יונגערמאן פון א דרייצן פערצן יאר, אים צו באפעלן וואס ער באפעלט אים, בשעת ער דרייט זיך באותו הלילה אינדרויסן פון יענעמ'ס "פריוואטע" שטוב, און ווידער שפעט ביינאכט אים ארויסרופן מיט די מטרה אים אויסצופרעגן... עס קען זיך אויך מאכן אז דער מדריך רופט די פרוי, אויסצופרעגן געוויסע זאכן איבער איר מאן, אנזאגנדיג דערנאך אז זי זאל גארנישט איבערזאגן אינדערהיים.

ווידער אויף די יונגע כלות, איז געשטעלט א פרוי פון דריי-און-צוואנציג יאר, וועלכע גיבט זיך אפ מיט די יונגע כלות און ווייבלעך. די יונגע ווייבלעך געטרויען זיי נישט מיט די וויכטיגסטע ענינים און די כלה מדריכה איז געשטעלט צו טון פאר די ווייבער וואס זיי האבן צו טון...

כמובן, אז דער צוואנציג יעריגער חתן מדריך מיט די דריי-און-צוואנציג כלה מדריכה דארפן האבן שייכות, זיי דארפן דורכשמועסן פריוואטע ענינים איבער די יונגע פאר פעלקער, איבער זייער שלום-בית ודברים של מה בכך... ויצר-הרע קופצת ורוקדת...

די פרויען ווערן אויסגעלערנט צו שפיאנירן אויף די מענער, און אין פאל וואס מען זעט אז די מענער זענען קאלט, אדער זיי זאגן א ווארט קעגן די הנהלה, זאל מען עס גראד באריכטן. עס זענען פארהאן רעקארדירונגען פון דרשות, וואו די ווערטער ווערן קלאר געזאגט פאר די פרויען. פארקערט, א פרוי וואס ווייסט עפעס אויף איר מאן און זי גיבט דאס נישט איבער פאר די הנהלה, דרויעט איר א שטראף רח"ל - קיינער וויל דאס נישט האבן.

אין לב-טהור ווערט פארלאנגט פון יעדן איינעם, א 'ווידוי דברים'. יעדע שטיק צייט דארף מען אראפשרייבן א צעטיל מיטן נאמען "מעמד ומצב רוחני", וואו מען דארף שרייבן אלע אייגענע עבירות און דורכגענג, במחשבה דיבור ומעשה. דאס ווערט פארלאנגט סיי פון די מענער און סיי פון די פרויען, פון קליינע קינדער ביז אלטע מענטשן. כמובן אז די מענער טארן נישט זען וואס די פרויען שרייבן וכן להיפך. די ווידוי

דברימ'ס טאר נישט דיסקוסירט ווערן מיט קיינעם, אפילו מיט די אייגענע פרויען.

די ווידוי דברימ'ס ווערן געשיקט צום רבי'ן (דער "חכם" כלשונם), אדער צו דער ריש-מתיבתא. זיי שיקן צוריק תיקוני תשובה פאר אלע בריוו, כפי עיניהם הרואות. אמאל הייסט מען שלאגן מלקות אן די בגדים, גראד אויפן גוף, אמאל דארף מען אוועקגיין פונדערהיים אויף א תקופה, און שלאפן אין ווייבער-שוהל פון בית-המדרש. אמאל דארף מען זיך מתוודה זיין ברבים אדער הענגען א צעטיל אין ביהמ"ד מיט די אייגענע עבירות, און אמאל עפעס ערגער, ה"י.

אין לב-טהור איז א נארמאלע זאך, אוועקצונעמען פרויען פון די מענער. דאס איז א דבר שבשגרה אין לב-טהור. כסדר הערט מען געשיכטעס, ווי אזוי די ארטיגע הנהלה האט באפוילן פרויען, אז זיי זאלן אוועקגיין פון די מענער, אדער פארקערט. רוב מאל איז די רעדע בשעת זיי האבן פארמאגט א פיינע שלום-בית, אבער צוליב די חשבונות פון די קהילה, האט מען אזוי באפוילן. אמאל מאכט זיך עס, ווען איינער פון די קהילה גייען אוועק פון לב-טהור, מען וויל אויסמיידן שלעכטע השפעה פון זיי. אזוי שפילט מען ארום מיט די האקלסטע געפילן פון מענטשן, ברצונם פראדוצירט מען שטיבער וברצונם הרג'עט מען די שטיבער. זייער אפט הייסט מען געבן א גט פאר די פרוי און מען גיבט יענעם א צווייטע פרוי, און עס מאכט זיך אויך אפט, אז מען הייסט זיין א מחזיר את גרושתו און איר צוריקנעמען, הכל ברצונם הטוב...

וכמובן, שהרבה יותר ממה שכתבתי לפניכם לא כתוב כאן.

## חינוך הבנים

לאמיר רעדן א מינוט איבער די חינוך פון די קינדער:

אין לב-טהור גייען מענטשן נישט אין שפיטאל, אפילו אויף צו האבן קינדער, פשוט דערפאר וואס די קינדער זענען אומגעזעצליך, נאך וואס די עלטערן זענען אין גאר א יונגן עלטער. טייל קינדער זענען אפילו נישט רעקארדירט און זיי עקזיסטירן אפילו נישט לעגאל.

יעדע קינד וואס ווערט געבוירן אין לב-טהור, איז דער רבי מחליט וועלכער נאמען מען זאל אים רופן. די נעמען ווערן נישט גערופן נאך זיידעס, כנהוג במקומינו, נאר לויט די יחודים און שמות וואס דעם רבי'ן פאלט ביי. געוועגליך וועט א מענטש נישט האבן אונטער דריי נעמען, און אלעמאל אזעלכע מאדנע צוזמענגעשטעלטע נעמען, וואס איז א בושה פאר דער וואס טראגט איר.

אויב איז דאס נישט גענוג, טוישט מען דארט נעמען אזוי ווי איר טוישט זאכן... יעדע מאל א מענטש טוט אן עוולה און ער טוט תשובה, קומט דער "חכם" און ער טוישט אים דער נאמען, זאגנדיג אז ער איז יעצט א נייער מענטש וכקטן שנולד. דער חכם מאכט זיכער צו רופן יענעמ'ס קינדער, אריינלייגנדיג אין יענעמ'ס נאמען, אויך איין פריעדיגע נאמען פונעם טאטע'ן, צו ווייזן אז דער טאטע פארמאגט שוין נישט דעם נאמען - בקיצור, מען מאכט משוגע דאס מענטשהייט

אין די קהילה פון לב-טהור איז נישט קיין זעלטענע זאך, אז מען זאל אוועקנעמען קינדער פון שטיבער און זיי אריינגעבן ביי פרעמדע משפחות זיי צו מחנך זיין. צומאל שיקט מען זיי אוועק אפילו צו גוים, אויף פארעמ'ס, אמאל שיקט מען קינדער אליין אין גוי'אישע האטעלן אונטער מסוכנ'דיגע אומשטענדן און אמאל גענצליך אליין אין א צימער, בשעת א גוי'אישע שכנ'טע פארמאגט די שליסל וכו' וכו'... איך


בס"ד

האם היה איזה ענין של אינדעפענדעקיי"ט יום___פרשת________

| | |
|---|---|
| חבר סגן ראש ישיבה | |
| הר"ר ישראל יוסף מנחם מענדל אלטער | |
| הר"ר משה יוסף מנחם העלבראנץ | |
| הר"ר עובדיה ברוך ברוכמאן | |
| הר"ר עזרא מנחם יוסף שטארק | |
| הר"ר פסח אברהם יואל הלוי גאלדמאן | |
| הר"ר שרגא דוד יחזקאל הלוי ראזנער | |
| הר"ר יוסף אשר יהודה | |
| הר"ר יהודה חיים יוסף | |
| הר"ר רפאל מנחם ציון רימנובער | |
| חבר הר"ר אלימלך חיים יעקב | |
| הר"ר אריה מנחם תנחם קמחי | |
| הר"ר ישעיה ישראל יעקב ווייסבלום | |
| חבר מנהל | |
| הר"ר אברהם יהודה לייבוש מלכא | |
| הר"ר זיידא ידידיה כ. ה. העלבראנץ | |
| הר"ר יוחנן הלל הלבראנץ לעווי | |
| הר"ר יהושע חיים זיסל לאווער | |
| הר"ר ישראל דוב אלימלך הלוי ה. לעווי | |
| הר"ר משה חיים צבי מלכא | |
| הר"ר פתחיה אפרים יהושע אלטער | |
| הר"ר יוסף לוי יצחק ראזנער | |
| הר"ר יואל דוד אלטער | |
| הר"ר מרדכי פתחי' מלכא | |
| הר"ר מרדכי שרגא הלל גאלדמאן | |
| הר"ר מרדכי צמח דוד העלבראנץ לעווי | |
| הר"ר פנחס אהרן יחזקאל גאלדמאן | |
| הר"ר שמואל משה עמרם ראזנער | |
| הר"ר פתחי' אליהו ידידי' רומפלער | |
| הר"ר שניאור זלמן העלבראנץ לוי | |
| ישראל בייניש הארוויץ | |
| פתחי' אברהם יחזקאל עליאס | |
| שלמה מנחם מענדל חיים ל. | |
| חבר סגן ספרא דדיינא | |
| הר"ר אברהם חנה דוד קמחי | |
| הר"ר אברהם חנניה עזרי' אלטער | |
| הר"ר אברהם יואל העניך העלבראנץ | |
| הר"ר אברהם נסים אלטער גאלדמאן | |
| הר"ר אברהם משה יוסף קרוניק | |
| הר"ר אביגדור יואל נח הלוי גאלדמאן | |
| הר"ר אלימלך חיים יעקב הלוי ראזנער | |
| הר"ר אלימלך שמואל נחום גאסנבויער | |
| הר"ר אפרים דוד נחמיה מלכא | |
| הר"ר יוסף דוד דוב מלכא | |
| הר"ר יוסף חיים יהודע בייניש הארוויץ | |
| הר"ר יואל יקותיאל יהודה וויינגארטען | |
| הר"ר יעקב לוי יצחק מלכא | |
| הר"ר ישי יקותיאל זלמן מלכא | |
| הר"ר ישראל יהודה אפרים גאלדמאן | |
| הר"ר מאיר יואל מלכא | |
| הר"ר משה יהודה אריה לייב אלטער | |
| הר"ר ניסן יהושע יהודה מלכא | |
| הר"ר פנחס אחא יחיאל וויינגארטען | |
| הר"ר פייש אוריאל יוסף הלוי גאלדמאן | |
| הר"ר פרץ אפרים ישראל מלכא | |
| הר"ר שמואל מיכאל ארי' גאלדמאן | |
| הר"ר שמעיה ש. מנחם מענדל גאלדמאן | |
| הר"ר שמעון פנחס לוי חיון | |



קען אייך נישט זאגן וואס די קינדער גייען אריבער אין די קהילה זעלבסט.

## מעמד ומצב רוחני

אין לב טהור איז איינגעפירט, אז יעדע שטיק צייט דארף מען שרייבן א "מעמד ומצב רוחני", דאס איז א ווידוי דברים וואו מען שרייבט אראפ אלעס וואס גייט אריבער אויף דער מענטש, במחשבה, דיבור ומעשה.

שוין גראד אינעם ערשטן יאר פונעם היינטיגן רבי'ן, האט ער פארלאנגט פון יעדן איינעם א 'מעמד ומצב רוחני', נישט נאכלאזנדיג פון קיינעם נישט. ער איז נאכגעגאנגען צי מען שרייבט אים דער אמת אדער נישט, און אך און וויי פאר דעם וואס מען האט געכאפט ביי א ליגנט.

אויב וועט איר אריינקוקן אין די ווידוי דברימ'ס וואס ווערט געשריבן דורך דעם עולם, וועט אייך אנכאפן אן אימה ופחד, וואספארא סארט זאכן עס ווערט פארלאנגט פונעם עולם צו שרייבן. די ווידוי דברימ'ס ברענגען ארויס אסאך, עס דערציילט וואס מען פארלאנגט פונעם עולם און וועלכע סארט זאכן הייסט א פארראט און אן עבירה, און וויפיל מענטשן מאכן דארט מיט.

די ווידוי דברימ'ס ווערן טייל מאל אויסגעליינט ברבים אין בית-המדרש. צומאל וועט דער חכם פארליינען וואס מענטשן שרייבן אים פריוואט, און פארשעמען יענעם ברבים. אין איין פאל האט דער כותב זיך אויסגענומען און געבעטן אין אנהויב פון דעם בריוו, אז ער בעט שטארק אז דער "חכם" זאל נישט פארליינען דעם בריוו, אפילו נישט חלקים דערפון. דער חכם האט אבער דווקא יא פארגעליינט יענע בריוו ברבים.

די סארט מהלך פון דארפן אראפשרייבן אלע עבירות, איז קיינמאל נישט געווען ביי כלל-ישראל, אלס א דרך הנהגה וואס מען האט פארלאנגט פון מענטשן, זיכער נישט אויף דעם סארט פארנעם ווי אזוי עס ווערט געטון אין לב-טהור.

אין לב טהור לייגט מען דאס אן אויף א סעיף אין צעטיל קטן, אז מען זאל זיך אויסרעדן פאר אנדערע מענטשן, אבער דאס איז באמת געזאגט געווארן אלס א הדרכה פאר אידן, אויב איינער שפירט אז ער וויל לעבן העכער. קיינמאל איז קיינעם נישט איינגעפאלן דאס צו פארלאנגען בפועל פון יעדן איינעם און צווינגען דעם גאנצן ציבור צו שרייבן אזעלכע זאכן. דער רבי ר' אלימלך האט דאס קיינמאל נישט געמיינט צו זאגן, און עס איז דברים ברורים בלי שום ספק.

איידער דער איבערפאל אין לב-טהור, האט מען געדארפט באהאלטן און פטור ווערן פון פילע ווידוי דברימ'ס, וואס מענטשן האבן איבערגעלאזט אויפן ארט. בשעת דער איבערפאל האט מען אוועקגעטראגן פון דארט פילע קעסטלעך מיט ווידוי דברימ'ס און אנדערע אזעלכע דאקיומענטן.

## תיקוני תשובה

זייענדיג אין לב-טהור, וואוינט מען אונטער די טעראר פון תיקוני תשובה. די תיקונים ווערן ארויסגעגעבן דורכ'ן רבי'ן אדער דורך דער ריש-מתיבתא, וואס זיי באפעלן פאר די מענטשן וואס מען מוז טון אצינד.

אלס ענטפער פון די ווידוי דברימ'ס, קומען די תיקוני תשובה אין פארעם פון א בריוו, וואס מען באפעלט פארן מענטש וואס ער דארף טון, אלס תיקון אויף די ענינים וואס ער האט געשריבן.

אויב וועט איר זיך אנשטויסן מיט די תיקונים וואס מען טיילט דארט פאר מענטשן, וועט איר שטוינען וואס מען קען טון מיט א מענטש. געוויסע מענטשן דארפן נעמען א תענית-דיבור אויף א יאר, אדער אפילו אויפן לעבן. געוויסע מענטשן טארן נישט רעדן אינדערהיים קיין איין ווארט, נאר בלויז פארלערנען פון א ספר און אנדערע טארן דאס אויך נישט טון.

די תיקוני תשובה קומען אן בכתב. אמאל הייסט מען דעם יונגערמאן זאל גיין בעטן מלקות. עס זענען פארהאן צוויי אידן אין בבל, וואס זייער אויפגאבע איז צו טיילן מלקות פארן עולם. אמאל הייסט מען אויסזאגן תהלים יעדן טאג צוויי מאל במתינות, אינאיינעם מיט א תענית.

אמאל הייסט מען א יונגערמאן שלאפן אויף די ערד, אן גארנישט אונטערלייגן די קאפ און נישט נוצן קיין דאכענע אדער א קושן. אפילו אויף א מאטראץ טאר ער נישט שלאפן, נאר בלויז אויף דער ערד.

אין א געוויסער פאל האט מען געהייסן פאר א מענטש אז ער מוז איבערמאכן דעם ברית פאר א תיקון, און א צווייטן האט מען געהייסן אז ער זאל אפ'גט'ן זיין פרוי און דערנאך זיין א מחזיר את גרושתו...

## פסיכילאגיע פון לב-טהור

דער יסוד פונעם פראבלעם וואס קומט פאר אין לב-טהור איז, אז אלע מענטשן אין לב-טהור, כקטן כגדול, איש ואשה, אלעס איז אונטער די בעלות פון די הנהלה. א מענטש פארמאגט נישט קיין שום אייגענע רעכט, נישט אויף זיך און נישט אויף זיינע קינדער. א מענטש קען נישט האבן קיין אייגענע מיינונג.

עס איז ליידער א פאקט, אז מען פרעדיגט דארט זייער שטארק דעם ענין פון ביטול און הכנעה, אויף א דראסטישע פארנעם וואס מען האט נישט געהערט אין קיין שום אנדערע צייט ביי כלל-ישראל. א מענטש קען זיך נישט אויפהייבן דעם קאפ דארט, און מען טוט פארשידענע פעולות צו דערדרוקן דאס געמיט פון די מענטשן אויפן ארט. צומאל קען מען שטעלן א זוהן וואס זאל זיין א משגיח אויפן טאטע'ן, אדער אן איידעם אויף א שווער. מען שיקט מענטשן נאכקוקן אנדערע, אריינקריכנדיג אין זייערע קושקעס. דאס קען געטון ווערן, דורך א זוהן און אפילו דורך אן אייניקל.

איין זאך מוז איך אבער באטאנען איידער איך ענדיג. אלעס וואס איך דערצייל אייך דא, האב איך געהערט און מיטגעהאלטן ממקור ראשון, עס איז נישט קיין לשון-הרע'לעך וואס מען פארקויפט אויף די גאס וואס מענטשן האבן דערציילט. טייל פון די זאכן זענען פארהאן דערפון רעקארדירונגען אדער געשריבענע 'ווידוי דברימ'ס' וואס מיר פארמאגן אונטער אונזערע הענט. דאס זענען שטוינעדע עדות פון מענטשן וואס דערציילן דאס, טייל פון זיי וואס געפינען זיך נאך היינט דארט אינדערוויינינג.

## וואס לערנען דארט די קינדער?

איר ווילט הערן דעם אמת? - גארנישט!

אין די גאר יונגע עלטער לערנט מען אביסל חומש-רש"י, שפעטער לערנט מען שוין דאס אויך נישט. איר דארפט פארשטיין, אין לב-טהור נעמט דאס דאווענען ארום דריי שעה א וואכנדיגע שחרית, אבער קיינער איז נישט ביים דאווענען פון אנהויב ביזן סוף, מען קומט און מען גייט... קיינער לייגט נישט קיין תפילין פון אנהויב דאווענען, אפילו די

אנשים חשובים פון דער בית-דין, ווען לייגן תפילין ביי ישתבח אדער גאר ביי שמונה-עשרה.

די לימודים אין חדר הויבן זיך אן שפעט. אין לב-טהור איז פארהאן אן עסק ארום "התבוננות". דער פריעדיגער מנהיג זייערער האט פארלאנגט, אז יעדער איינער דארף מאכן התבוננות, א שעה אינדערפרי און א שעה ביינאכט. דאס לערנט מען אויס אפילו פאר די גאר קליינע און די קינדערגארטן רבי'ס, מאכן התבוננות מיט די פיצלעך קינדער, נעבעך...

דאס ביסל וואס מען לערנט יא אין לב-טהור, איז די ביכער פון זייער פריעדיגער מנהיג, מיט זיין דרך התבוננות. דערמיט איז מען פארנומען יומם ולילה.

אז איר וועט זיך באגעגענען מיט יונגעלייט וואס קומען ארויס פון לב-טהור, וועט איר זיך אנשטויסן מיט א געפערליכע בורות און אמעראצעס. יונגעלייט קענען נישט דארט די פשוט'ע הלכות, דאס וואס חדר יונגלעך ביי אונז ווייסן. זיי קענען נישט די פשוט'ע זאכן און עיקרים ויסודות וואס א חדר יונגל ביי אונז איז איינגעווארצלט דערמיט.

נישט נאר אז מען לערנט נישט דארט, נאר מען טאר פשוט נישט לערנען דארט. א בחור אדער א יונגל וואס עס ווערט ערוועקט ביי אים א געפיל צו לערנען, ווערט גראד אפגעשפעט דורך זייער הנהלה און ער ווערט גע'רודפ'ט דערפאר. אין געוויסע פעלער וועט מען ארויפלייגן אויף א בחור א תקנה, אז ער טאר נישט עפענען קיין ספר אן דער רשות פון די הנהלה.

## דארפן מיר דאס צולאזן?

אט די אלע זאכן זענען בלויז אפס קצהו פון וואס עס קומט פאר אין לב-טהור. נישט אלעס לאזט זיך שרייבן און נישט אלעס קען מען שרייבן.

פרעגן מיר אייך: דארף מען לאזן קינדער אויפגעצויגן ווערן אין אזעלכע פלעצער? - מעגן מיר דאס צולאזן?

דאס רחמנות איז טאקע גרויס, אבער טאמער וועלן מיר לאזן די זאך אזוי ווי עס איז, און די דאזיגע קינדער וועלן ליידן דארט, וועט דאס זיין אויף אונזער אחריות. אויבן אין הימל וועלן די נשמות קומען צו אונז וויינען, "איר האט אונז געקענט ראטעווען, און איר האט עס נישט געטון. פארוואס האט איר אוועקגעקוקט פון אונזערע ליידן?"

מען דארף צולייגן, אז לב-טהור טוט די זעלבע זאך מיט זייערע קינדער. זיי טיילן כסדר אפ קינדער פון משפחות, נעמען אוועק די פרויען פון די מענער. זיי טוען די זעלבע זאך זייענדיג אין די קהילה. דער חילוק איז, אז זיי טוען דאס מיט א רשעות, בשעת די עסקנים טוען דאס אויפן הוראה פון די גדולי ישראל מיט די רבנים, וואס זיצן און זענען דן אויף יעדן טריט און שריט, מיט די מטרה צוריק צו פאראייניגן די משפחות מיט די עלטערן.

•••


לשכת
ספרא דדיינא
למילי דשמיא ולמילי דמתא

בסייעתא דשמיא

ע"י ק"ק
חשק שלמה - לב טהור
עיר בבל - הוצל דבנימין יצ"ו
פלק ארקאקריא, גוואטעמאלא יע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקוה"ט זי"ע, בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

מודעה ואזהרה

מיט דעם ווילן מיר מודיע זיין און אנווארענען באזהרה חמורה, אז קיינער זאל נישט רעדן און דערציילן 13 קיין שום נברא אויף די וועלט וואס איז נישט פון די קביעות'דיגע איינוואוינערס דא אין שטעטל, קיין שום ווארט און אפילו נישט קיין האלבע רמז וועגן די חתונה פון דער רב שליט"א און פון ר' מתתיהו יוסף מנשה.

אויך ווארענען מיר אן באזהרה חמורה, נישט 13 רעדן און נישט 13 מרמז זיין 13 קיינעם קיין שום ווארט אדער רמז וואו עס געפינען זיך דער רב שליט"א אדער ר' מתתיהו יוסף מנשה, אדער מרת עליאס.

די איסור איז אויך לגבי מענטשן וואס זענען אמאל געווען א חלק פון די חבורה און אויך לגבי מענטשן וואס שטיצן די חבורה, כל זמן זיי וואוינען נישט בקביעות אפיציעל אינעם שטעטל 365 טעג א יאר.

דער איסור גייט אן ביז די הנהלה וועט מודיע זיין אנדערש.

ווער עס וועט ח"ו עובר זיין אויף דעם איסור, האט א דין פון א מסור און א מלשין לכל פרטיו ודקדוקיו, וואס אויף אזעלכע סארט מענטשן איז דא א געוויסע ברכה אין שמונה עשרה וואס קיינער וויל נישט אז מען זאל איהם אינזיין האבן דארט.

און פארשטענדליך אז טאמער איינער וועט עובר זיין אויף דעם, וועט מען איהם דן זיין אזוי ווי יעדער מסור וואס מאכט מסירות, און ער וועט נישט האבן קיין פלאץ אין דעם שטעטל.

בשם די הנהלה

חיים ישראל מאיר הלוי גאססענבויער | משה חיים צבי מלכא | משה יהודה אריה לייב אלטער


בס"ד

לשכת טובי הקהל
שע"י קהילת קודש
חשק שלמה-לב טהור
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
ובהדרכת מורינו הריש מתיבתא שליט"א

לכבוד ______________________

מיט דעם ווילן מיר מבשר זיין א בשורה טובה וואס די רבי זי"ע האט אייביג געשטרעבט און געווארטן צו דעם, און אזוי אויך די רבי שליט"א די ריש מתיבתא שליט"א און די רב שליט"א וואס האבן געבעטן דאס אויסצופירן.

אזוי ווי עס ווערט אראפ געברענגט אין ספרים הקדושים די גרויסע מעלה און אויפטוה פון מקבל זיין שב"ק מבעוד היום גדול, און אזוי האבן זיך אסאך צדיקים געפירט, און אזוי ווי די רבי זי"ע האט אסאך מאל געזאגט גרויסע זאכן אויף דעם, אז דאס אז מען איז מקבל שב"ק מבעוד היום גדול איז מען מקרב די גאולה זייער שטארק. און אזוי ווי די רבי זי"ע האט דאס מסביר געווען אז די עיקר עבודה פון אידישע קינדער איז אריין צוברענגען די אלף השביעי אין די אלף השישי, (ד.מ. אז אנשטאט צו ווארטן אויף די גאולה ביז אלף השביעי וואס דאס וועט סיי ווי זיין, קען מען בכח אונזער עבודה מקדים זיין די גאולה נאך פארדעם אין די זעקסטע טויזענט יאר, וואס דאס איז די צייט וואס מיר געפינען זיך יעצט) און די כח כאפט זיך אן זייער שטארק ווען אידישע קינדער ברענגען אריין די זיבעטע טאג (וואס דאס איז אקעגן אלף השביעי) אין די זעקסטע טאג (וואס דאס איז אקעגן אלף השישי). און פארשטייט זיך אז ווי פריער מען איז מקדים אריין צוברענגען דעם הייליגן שבת אזוי איז דא א גרעסערע עת רצון צו אויס'פועל'ן דורך דעם גאר שטארק די קירוב הגאולה. און נאך גאר גרויסע זאכן וואס מען טוהט אויף דורך דעם.

און טאקע וועגן דאס איז אזא חשובע זאך, האט מען געזעהן אלע יארן ביז יעצט גרויסע מניעות אויף דעם.

איז במילא מיט די אייבישטער'ס הילף כדי צו מחזק זיין כח הקדושה וועט מען פון די וואך און ווייטער מקבל זיין שבת מבעוד יום, און במילא דורך דעם מקבל זיין פני משיח צדקינו בקרוב ממש.

און די צייטן וועט מיט די אייבישטער'ס הילף זיין אזוי:

מנחה 2:00 — בואי בשלום 3:30

כדי דאס צו קענען מיט די אייבישטער'ס הילף אויספירן האט מען באשטעטיגט אלץ א תקנה אז פרייטאג פון חצות היום וועט זיין אסור צו טוהן קיין שום מלאכה, און קיין שום עסקנות רוחניות וגשמיות, (וואס בעצם על פי הלכה איז דאס זייער נישט אויסגעהאלטן).

חוץ זאכן וואס איז ממש הכנות לשבת, (לדוגמא, ענדיגן קאכן, שניידן די נעגל, אנטוהן בגדי שב"ק א.ד.ג.)

און מיר ווילן דערמאנען וואס די רבי זי"ע האט אמאל געזאגט אז אין אונזער הייליגע חבורה דארף זיין דאנערשטאג די אויסזעהן פון פרייטאג (ד.מ. אז די עיקר ארבעט פאר שבת טוהט מען דאנערשטאג) און פרייטאג דארף זיין ערב שבת, א טפל צו די הייליגע שבת, (ד.מ. אז פרייטאג איז נישט א טאג פאר זיך).

אויך וויל מען יעצט מיט'ן אייבישטער'ס הילף מחדש זיין די ענין פון די טיש פרייטאג צונאכט'ס, וואס מען האט שוין אמאל מסביר געווען ברבים באריכות גדול די חשיבות און די גרויסקייט פון די זאך, (וואס צוליב געוויסע סיבות האט מען אויפגעהערט, און די עיקר סיבה איז געווען צוליב די מילבן, וואס מען האט מיט די אייבישטער'ס הילף א לעזונג פאר דעם בשעת די טיש).

און איינע פון די גרויסע מעלות פון אנהייבן שב"ק פרי, איז די מעלה אז מ'קען אנהייבן די טיש אסאך פריער און אזוי קען מען מאכן די טיש אסאך שענער און בעסער צוגעשטעלט בס"ד, און אויף גאר א העכערע פארנעם.

און במילא וועלן די אלע חשובע נשים צדקניות מיט די טייערע קינדערליך האבן די מעגליכקייט צו קענען מיטהאלטן די הייליגע שלחן הטהור, און זיכער וועט דאס זיין א גרויסע טובה ברוחניות ובגשמיות פאר יעדעם איינעם וואס וועט מיטהאלטן.

די צייט וועט בס"ד אויסקומען ארום 7:30/8:00.

און זיכער ווילט איר האבן א זכות זיך מיטטיילן מיט די הייליגע ארבעט פון צוגרייטן די שלחן הטהור, וואס די רבי שליט"א קומט זיכער צו דעם, מיט א קליינע זאך.

און מיט די אייבישטער'ס הילף וועט אייער חלק זיין: ______________________

______________________

מיט די אייבישטער'ס הילף וועט זיין אין בית מדרש א טיש וואס איז אפגעהיטן פון מילבן, וואס דארט וועט מען קענען אראפ לייגן די מאכלים, (און אפילו מען וועט צוגרייטן א טיש וואס איז אפגעהיטן פון מילבן דארף דאס נאך אלץ זיין גוט ארום געמומען).

און מען בעהט זייער שטארק אז קיינער זאל נישט מזלזל זיין ביי די חלק וואס מען דארף טוהן.

די אייבישטער זאל העלפן אז בזכות דעם זאלט איהר זוכה זיין צו פילן די ליכטיגקייט פון שב"ק.

בשם חברי טובי הקהל
משה חיים צבי מלכא
סגן ספרא דדיינא



# וואס ווילן מיר?

**וואס איז די ציל פון די עסקנים, און צו וואס שטרעבן מיר?**

די עסקנים ארבעטן אז גאנצע משפחות זאלן זיך אויפהייבן און אוועקגיין פון לב-טהור, קומענדיג צו געהעריגע פלעצער צווישן אידישע קינדער, און ווידער אויפבויען זייער שטוב.

דערויף ווערט אריינגעלייגט פיל צייט, מחשבה און געלט, צו העלפן מיט וואס מען קען און צו טון די מאקסימום צו פארזיכערן דאס וואוילזיין פון די ארטיגע אידן.

## דער מהלך

אלס ערשטער שריט, ווען די רעגירונג האט אוועקגענומען די קינדער פון לב-טהור, האבן די עסקנים געזען א געלעגנהייט זיך אריינצולייגן אין דעם ענין.

די רעגירונג האט געוואלט אוועקנעמען אלע קינדער, זיי אריינלייגן אין היימען און זיי אויפציען ווי אזוי זיי ווילן. די עסקנים האבן זיך תיכף אוועקגעזעצט מיט די רעגירונג און אויסגעארבעט א פלאן, אז טאמער די עלטערן פארלאזן לב-טהור, וועלן זיי קענען צוריקבאקומען די קינדער און זיי וועלן זיך ווידער פאראייניגן צוזאמען, אבער אינדרויסן פון די קהילה.

**וואס וועט זיין מיט די מענטשן וואס פארלאזן נישט לב-טהור?**

דערויף האט דער סאטמארער דיין הגאון ר' חיד"ו ווייס שליט"א געזאגט זיין מיינונג, אז למען האמת דארף מען אוועקנעמען די קינדער פון אזעלכע עלטערן, וועלכע האלטן זיך שטארק און ווילן בלייבן אין די קהילה, מען טאר זיי נישט לאזן האבן שייכות מיט זייערע עלטערן.

אבער דער דיין שליט"א איז מסכים, אז דאס קען גענוצט ווערן אלס סטראשע. דאס הייסט אז די קינדער וועלן אוועקגענומען ווערן פון די עלטערן, אבער אויב די עלטערן וועלן נאכקומען די קינדער און וועלן צוריקבאקומען די קינדער אינדרויסן פון לב-טהור, איז דאס א מהלך ווי אזוי די משפחה וועט זיך צוריק פאראייניגן אינדרויסן פון לב-טהור.

**וואו וועלן די קינדער גיין דערווייל?**

די עסקנים זענען פארבינדן מיט משפחה מיטגלידער פון די קינדער, וועלכע זענען גרייט אריינצונעמען די קינדער און נעמען קאסטעדי אויף זיי, ביז די עלטערן וועלן ארויסקומען און איבערנעמען די קינדער אינדרויסן פון לב-טהור.

## די אויפגאבע פון די עסקנים

אין די זעלבע צייט שלאפן נישט די עסקנים, זיי ארבעטן אויך אויף אנדערע פראנטן.

דער יעצטיגער מציאות איז, אז די קינדער געפינען זיך אונטער די רעגירונג, וואו מען האלט זיי אפגעזינדערט. די קינדער דארפן האבן עסן און טרינקען און אנדערע געברויכן, זיי דארפן האבן מחנכים וואס זאלן לערנען מיט זיי, און אנדערע וויכטיגע צוגעהערן.

די עסקנים שטייען על המשמר, מען ברענגט אריין פאר זיי עסן און מען טוט וואס מען קען צו העלפן די דאזיגע קינדער.

אין די פארגאנגענע וואכן, זענען די עסקנים עטליכע מאל אראפגעפארן קיין גוטאמאלא, וואו זיי האבן באזוכט די קינדער און גערעדט מיט זיי. די עסקנים האבן זיכער געמאכט אז די קינדער געפינען זיך אונטער א גוטן אויפזוכט און אז זיי פארמאגן וואס זיי דארפן.

באזונדער איז אראפגעפארן דער גאון החיד"ו שליט"א, וועלכער ארבעט אומאויפהערליך פאר די קינדערליך, און ער איז מעורר נדיבים בעם צו טון פאר די צובראכענע נשמות.



# א קולט?

## און וואס זענען אונז?

### אסאך אידן פרעגן:

פארוואס איז לב-טהור א קולט און מיר חסידי'שע אידן זענען נישט קיין קולט. יא, יעדער פארשטייט אז לב-טהור טוט זאכן וואס זענען אפגעפרעגט ביי יעדן איינעם, אבער, צי זענען מיר מיט אזויפיל אנדערש? - פארוואס איז סקווירא, סאטמאר, באבוב, נישט קיין קולט.

אויך ביי אונז קען מען שטראפן קינדער, אויך ביי אונז זענען פאראן שטרענגע געזעצן, מען טאר נישט האבן קיין סמארטפאון, מען קען ארויסווארפן קינדער פון די מוסדות, און מיר פארמאגן אויך אונזער כשרות סטאנדארט.

די שאלה פרעגט זיך: וואו שטעלט זיך אפ די סטאנדארט און עס ווערט א קולט. ווען הייסט דאס א שיינע חסידות וואס איז אביסל שטרענג, און ווען גייט דאס אריבער די גרעניץ, ביז עס ווערט אנגערופן מיטן שרעקעדיגן נאמען, "א קולט"?

אט וועלן מיר אייך אראפברענגען עטליכע יסודות'דיגע חילוקים, צווישן דער אלגעמיינער וועלט מיט לב-טהור, פארוואס זענען זיי א קולט און מיר נישט

### מען נארט דיר אויס

צווישן אלע חסידי'שע קהילות אויף די וועלט, זענען פאראן שטרענגערע און רואיגערע קהילות. יעדע קהילה פארמאגט זיך אירע סטאנדארטן און תקנות, איבעראל שטעלט מען זיך אויף אנדערע זאכן, וואס דערויף איז מען מקפיד מיט א שטארקקייט און פעסטקייט.

איין זאך איז אבער קלאר. יעדע קהילה זאגט קלאר וואס זי איז און וואס זי שטעלט מיט זיך פאר. זיי נארן קיינעם נישט אויס און יעדער איינער ווייסט וואס די קהילה פארלאנגט. אויב איינעם געפעלט נישט דער סטאנדארט פון די קהילה, דארף ער נישט אהערקומען און ער קען רואיג גיין ערגעץ אנדערש, טרעפן א נייע קהילה. יעדער מענטש פארמאגט די בחירה פון א טאג אויפן צווייטן, זיך אויפצוהייבן און פארלאזן דעם ארט אינאיינעם מיט זיין ווייב און קינדער.

לב-טהור איז אנדערש. דארט נארט מען אויס דעם עולם.

ווען א נייער מענטש קומט קיין לב-טהור, וועט מען אים אראפברענגען די שיינע זייט פון די קהילה, מען וועט באהאלטן די שלעכטע זאכן פון דעם ארט. פארקערט, מען וועט עס אפילו לייקענען און מען וועט דיר נישט אויסזאגן דעם אמת, אפילו אויב זיי פרעגן דערוועגן.

צו אונזערע אויערן זענען אנגעקומען מעשיות, ווי אזוי מענטשן האבן איבערגעפרעגט פון די הנהלה, איבער זאכן וואס קומען פאר אין לב-טהור, און מען האט עס זיי געלייקנט, זאגנדיג אז אלעס איז בלבולים. שפעטער האבן זיי זיך דערוויסט אז די מעשיות זענען יא געווען אמת.

ווען א מענטש קומט אן צו לב-טהור, פארבט מען אים אלעס שיין און מען שטעלט אים אראפ א זיסע בילד, באהאלטנדיג און אפילו לייקענענדיג די אמת'ע זאכן וואס קומען פאר דארט. הערשט ווען דו ביסט שוין טיף אריין אינעם סיסטעם, וועסטו זיך דערוויסן, וואס לב-טהור פארקויפט אין זיך. דעמאלס וועסטו געוואויער ווערן סודות וואס מען זאגט נישט אויף די דרויסנדיגע גאס.

פילע אידן וואס זענען אנגעקומען קיין לב-טהור און האבן שפעטער פארלאזט די קהילה, האבן דערציילט, אז זיי האבן נישט געוואוסט אז אין לב-טהור טאר מען נישט האבן קיין אייגענע געלט. הערשט ווען זיי זענען שוין דא געווען, האט מען זיי געהייסן געבן די גאנצע געלט פאר די קהילה. א צווייטער האט דערציילט, אז נאך איידער ער איז אנגעקומען קיין לב-טהור, האט ער געהערט די תקנה פון 'כיס אחד', אבער ווען ער האט איבערגעפרעגט דערוועגן אין די קהילה, האט מען געזאגט אז עס איז פון די בלבולים אויף די קהילה און עס איז נישט אמת. הערשט ווען ער איז דא געווען, האט מען געפאדערט פון אים די גאנצע געלט פאר די קהילה.

איינער וואס קומט אן קיין לב-טהור, און ער וועט פרעגן צי מען שלאגט די קינדער אין לב-טהור, וועט מען אים ענטפערן, אז מען קען געבן א פעטשל, אזוי ווי אין אלע ערליכע הויפן. אבער זייענדיג דארט, וועסטו זיך דערוויסן אז מען רצח'עט די קינדער אויף א פארנעם וואס איז קיינמאל נישט געווען צווישן אידישע קינדער.

אט דאס איז דער חילוק צווישן א קולט און אן ערליכע אידישע קהילה.

### אפהאקן פון די וועלט

מען האט שוין אויסגענארט, מען האט שוין אריינגענארט, אצינד געפינט מען זיך שוין אין לב-טהור. וואס איז די קומענדיגע שטאפל וואס מען טוט אין לב-טהור אנדערש פון די גאנצע וועלט?

אין לב-טהור ארבעט מען בשיטה און מיט עקשנות, אפצוהאקן די מענטשן פון דאס מענטשהייט, בקום ועשה, אויף אן אופן וואס איז נישט געהערט געווארן אין קיין שום אנדערע פלאץ אין די וועלט, במשך כל אורך הדורות ביזן היינטיגן טאג

דאס גייט צו אויף עטליכע וועגן, אויף א בארבארישע פארנעם וואס שוידערט אויף יעדן איינעם.

די ערשטע זאך איז, מען טוישט די לבוש, מען טוישט די נאמען, מען מאכט שפירן דעם מענטש אז דו ביסט נישט דער זעלבער מענטש וואס דו ביסט געווען אינדרויסן, דו באקומסט א נייע אידענטיטעט. דו האסט גארנישט קיין שייכות מיט די דרויסנדיגע וועלט.

דאן הייסט מען בפועל זיך אפצוהאקן פון די גאנצע וועלט.

עס איז פאראן א תקנה אין לב-טהור, אז מען טאר נישט רעדן מיט קיין דרויסנדיגע מענטשן וואס זענען נישט אין לב-טהור. א צעטיל איז אויפגעהאנגען געווארן דערוועגן אין בית-המדרש, מיט כללים ווי אזוי אומצוגיין דערמיט. דארט איז ארויסגעברענגט געווארן אז טאמער עס פעלט וויכטיג אויס, אדער אויב מען דארף מאכן געלט פאר די קהילה, דארף מען א באזונדערע רשות פון די הנהלה.

צווישן די ווידוי דברים'ס און די קנסות, זענען פאראן פיל מאל וואס מען באציט זיך צו די תקנה, אז מען שרייבט אראפ אז מען איז נכשל געווארן דערין און מען האט גערעדט מיט א דרויסנדיגער. צומאל קען דער דרויסנדיגער זיין אן אייגענע טאטע וואס האט פארלאזט די קהילה.

ביז אהער איז נאך גאנץ איידל, אבער דא קומט נאך א נקודה.

אין די גאנצע וועלט זענען פאראן חסידות'ן און קהילות וועלכע גלויבן, אז בלויז זייער השקפה איז די ריכטיגע השקפה און דער אמת'ער וועג פון אידישקייט. אבער פארט רעספעקטירט יעדער איינער אן אנדערע חברייא פון אידן. מענטשן פארשטייען אז בית-שמאי און בית-הלל האבן זיך געקריגט און

עס איז פאראן הבדלי השקפות אין די וועלט, מען ווערט דערפאר נאכנישט קיין גוי.

אין לב-טהור פרעדיגט מען אנדערש.

דארט זאגט מען פארן עולם, אז איינער וואס איז נישט אין די חבריא איז א משומד, מזרע עמלק, פון די ערב-רב. דאס זענען ווערטער וואס ווערן כסדר געזאגט פארן עולם, מען רעדט דערוועגן און מען פרעדיגט דאס אומאויפהערליך. דאס רעדט מען שבת פארן ליינען, ביי די שבת'דיגע סעודות, אנשטאט צו רעדן העכערע דברי תורה און עבודת-השם, דאס רעדט מען ביי שלש-סעודות, און ווען נישט?

איינע פון די וויכטיגע זאכן וואס מען זאגט כסדר אין לב-טהור איז, אז משיח וועט קומען בלויז צו זיי, צו די הייפעלע אידן אין לב-טהור. די גאנצע וועלט וועט נישט זוכה זיין צו ביאת המשיח.

מענטשן וואס קומען ארויס פון לב-טהור, ווערן ערשוינט צו זען, אז עס זענען פאראן קהילות פון עובדי ה' אין די וועלט. זיי זאגן, אז זיי האבן שטענדיג געמיינט אז בלויז אין לב-טהור זענען דא אידן וואס דינען דעם אויבערשטן מיט א פנימיות. זיי האבן נישט געגלויבט ווען זיי האבן געזען אזעלכע קהילות ווי תולדות-אהרן, טאהש, סלאנים, קארלין, וואו מען דאווענט לאנג און עס זענען פאראן העכערע אידן עובדי-השם. זיי האבן געמיינט אז אויסער אין לב-טהור איז דאס נישט דא.

איר ווייסט וואס מען זאגט אלס אויף ערליכע אידן אין לב-טהור? - ביי זיי איז דער אמשינובער א רשע, וויבאלד ער איז פון די ערב-רב. דער טאהשער רבי איז א רשע, ווייל לדעתם האט ער נישט געטארט נעמען אויף זיך קיין הנהגה. ר' נתן יוסף מייזלס זצ"ל איז געווען א רשע, ער איז מגולגל געווארן אין א פראש און זייער פריעדיגער פירער האט אים מתקן געווען... אזוי איז יעדע ערליכע איד אויף דער וועלט, קאטאריזירט אלס 'ערב-רב'.

ביי ולמלשינים פלעגן זיי אמאל האבן א גאנצע ליסטע וועמען מען האט געדארפט דערמאנען ביי די ברכה, צווישן די נעמען האט זיך געציילט כ"ק מרן הגה"ק האדמו"ר בעל ברכת-שמים מקאשוי זצוק"ל און אנדערע גדולי ישראל.

דאס אלעס דערציילט מען אין לב-טהור, מיר האבן דאס געהערט פון עטליכע יוצאי לב-טהור בכלי ראשון און איך נעם אחריות אויף יעדן ווארט וואס איך זאג.

זיי שטייען און בארעדן אונז מיט אונזערע גדולי-ישראל, מיט כל דבר אסור, מיר ווערן אנגערופן מיטן שיינעם טיטל "מזרע עמלק". יעדן צדיק וואס איז ביי אונז פארהייליגט, איז ביי זיי א רשע. און פארקערט, בלויז זייער פירער איז געווען דער איינציגסטער ערליכער איד, און קיינער אנדערש.

אין די זעלבע צייט וואס זיי פרעדיגן בגנותם של כלל-ישראל און ווי אומווירדיג אנדערע אידן זענען, הויבן זיי דראסטיש אויף דער כח און הייליגקייט פון זייער מנהיג, מיט הגזמות און שטותים אשר אין הדעת סובלתן, זאכן וואס מען טוט נישט אין קיין איין אנדערע חסידות.

אויף זייער מנהיג ווערט געזאגט אז ער מאכט עליית נשמה, זיצט אין מתיבתא דרקיע, ער רעדט מיט מלאכים און ער רעדט מיט שדים. הימלישע אריז"ל מעשיות ווערן דארט דערציילט אויף אים, גילויים פון די שכינה, וואס דערציילט אים אז בלויז אין לב-טהור רוהט זי און אז זי האט שוין אפגעלאזט די גאנצע וועלט און געפינען איר טרייסט בלויז אין גוטאמאלא.

זיי זאגן אויפן מנהיג, אז ער זעט אין הימל דעם שור-הבור מיטן לוויתן, ער הערט ביימער זינגען (און ער לערנט אויס די ניגונים וואס ער הערט פון זיי), פרוכט שרייען צו אים. אנדערע אידן זאגט ער אום פורים, "מיר קענען זיך שוין פון דעם ויעמרו על ים בים סוף, דו ביסט געווען פון יענע... איך האב דיר דעמאלס געזאגט... יעצט דארפסטו מתקן זיין" וכו' וכו'.

דאס ענין פון אפהאקן מענטשן פון די גאס, דאס איז איינע פון די סימנים מובהקים פון א קולט. דאס איז פאראן בלויז אין לב-טהור און אין קיין איין אנדערע ארט אויף די וועלט.

ווי איראניש עס הערט זיך, רעדן זיי כסדר בגנותם של ישראל, און אז אלע אידן אויף די וועלט זענען די ערב-רב, אבער דא קומען זיי זיך באקלאגן און זאגן "אחינו אתה - העלפט מיר"...

אתמהה.

## אוועקנעמען די בחירה

אין יעדע קהילה בישראל איז פאראן תקנות, שטאטוטן און וועגן ווי אזוי מען לעבט. פארט איז פאראן געגוג ברייטקייט אין אנדערע תחומים פון לעבן, וואו א מענטש פארמאגט אן אייגענע בחירה און ער דארף אליין אויסקלויבן ווי אזוי זיך צו פירן.

דער אויבערשטער האט באשאפן א מענטש מיט א דעת און שכל, אז ער זאל קענען זען פאר זיינע אויגן די ברירות ווי אזוי ער קען זיך אויפפירן און ער זאל נוצן זיין דעת צו טון די ריכטיגע שריט אין לעבן. עס איז אמת אז א פלאץ פארמאגט תקנות און געזעצן, אבער די תקנות זענען נישט דירעקטירט אויף טריט און שריט, נאר בלויז יעדע קהילה אין זיינע תחומים וואו זיי שפירן פאר וויכטיג.

אין יעדע חסידות וועט זיין א מקום פאר א מענטש צו טראכטן אליין און אויסקלויבן אליין וואס ער דארף טון. אמאל איז דאס ווען א מענטש ווערט עלטער און ער דארף גיין זוכן פרנסה. דער מענטש פארמאגט דאן אן אויסוואל און א בחירה וואספארא סארט ארבעט צו טון. אמאל איז דאס אין חינוך הבנים, אז דער מענטש פארמאגט זיין אייגענע בחירה, צו פארשטיין וועלכע סארט מהלך צו נעמען מיט א קינד. אזוי איז דאס אין יעדע זאך, בשעת א מענטש האט אן אייגענע בחירה, אזוי ווי דער פסוק זאגט אונז, "ראה נתתי לפניכם את החיים ואת הטוב, ואת המות ואת הרע, ובחרת בחיים" - דו אליין זאלסט אויסקלויבן דעם "חיים", דעם ריכטיגן וועג צו לעבן.

אמאל זענען פאראן הוראות וואס א רבי זאגט פארן ציבור, ווי אזוי א איד דארף זיך פירן אין א געוויסער ענין. די ווערטער פונעם רבי'ן זענען אמת ויציב, אבער אזוי ווי יעדער כלל פארמאגט א יוצא מן הכלל, פארשטייט אמאל א חסיד אז וויבאלד דער רבי האט דאס געזאגט פאר א ציבור, און נישט באופן פרטי פאר אים זעלבסט, איז פארשטענדליך אז דער רבי האט נישט געמיינט דעם יעצטיגן פאל, און אצינד דארף מען טון אנדערש. אזוי שרייבט דער רבי ר' אלימלך אין זיין בריוו, "ולפעמים להיפך".

אין קורצן, א נארמאלע ערליכע קהילה גיבט א מקום פאר א מענטש, זיך צו אנטוויקלען און צו לעבן אן אייגענעם לעבן, געבינדן מיט תורה ומצוות וחסידות ויראת-שמים. אז איר וועט קוקן אין די היסטאריע פון כלל-ישראל, מימות משה רבנו ועד ימינו אלה, איז קיינמאל נישט געווען אזא זאך, אז מען זאל אוועקנעמען די בחירה פון א מענטש און ער זאל זיין געבינדן צו די הנהלה אויף טריט און שריט.

אין לב טהור איז נישט פאראן אזא זאך ווי אן אייגענעם לעבן. מען רעדט דערפון גאנץ קלאר און מען פאדערט עס מיט א שטארקקייט פונעם עולם, ביטול און הכנעה, נישט וועלן פארשטיין און נישט טראכטן אפילו וואס מען דארף טון

א מענטש אין לב-טהור פארמאגט נישט קיין אייגענעם אויסוואל, וועלכע סארט ארבעט ער זאל טון. די הנהלה זאגט דיר וואס צו טון און דו טארסט אפילו נישט איבערפרעגן. א מענטש טאר נישט און קען נישט דארט נוצן זיין שכל און פארשטיין עפעס מיט זיין אייגענעם דעת. מען דארף זיך פירן ווי בהמות און טון וואס מען טיילט דיר איין צו טון.

אפילו עונשים איז אלעס אויף די הנהלה'ס קאנטע. זיי טיילן די עונשים און זיי זאגן דיר ווען דיינע עבירות ווערן נתכפר. א מענטש לעבט דארט ווי א בהמה אן קיין דעת און אן קיין אייגענעם רצון. אלעס איז געמאכט געווארן בלויז מיטן דעת פון די הנהלה.

ריכטיג, עס איז פאראן אזא מושג ביי חסידים, פון זיך מבטל זיין אונטערן רבי'ן אינגאנצן און זיך שפירן כאילו מען עקזיסטירט נישט און אלעס איז בלויז דער רבי. מיר געפינען דאס אין ספרי חסידות און אפילו היינט איז פאראן אזא מושג צווישן חסידי'שע אידן. פארט, זענען דאס מענטשן וואס האבן עס אויסגעקליבן מרצונם הטוב אזוי צו לעבן, קיינער האט זיי נישט געהייסן דאס צו טון און זיי האבן מתוך אהבה צום רבי'ן אויסגעקליבן צו זיין אן עבד נרצע פארן רבי'ן, אשרי להם ואשרי חלקם. דאס איז א מדריגה אין התקשרות לצדיקים.

אין לב טהור גייט דאס צו אנדערש. מען פאדערט דאס בידים און דאס מוז מען טון, צי דו האלסט דערביי אדער נישט. מען צווינגט דיר דערויף און אך און ווי איז צו א מענטש וואס וויל זיך נישט געגנצליך אונטערבייגן די הנהלה.

אין אנדערע פלעצער איז פאראן א מושג, אז א חסיד געפינט זיך אויפן ארט, בלויז צו שעפן חיזוק און הערן דיבורי תורה ויראת שמים, אבער ער איז נישט גענצליך אונטערגעווארפן אונטערן רבי'ן, נאר בלויז וויפיל ער שפירט פאר זיך אליין אז ס'איז ריכטיג. מיר גייען נישט אריין צי עס איז ריכטיג אזוי צו לעבן אדער נישט, אבער אין א געווענליכע ארט, וועט אזא מענטש זיין כשר און אנגענומען צווישן די חבורה. ער קען אפילו הייסן צווישן די חסידים אן איש חשוב ומורם מעם, מיט וועמען מען רעכנט זיך, טראצדעם וואס ער איז נישט גענצליך אונטערגעווארפן.

גיי אריין אין די היסטאריע פון חסידות. כמעט אין יעדע הויף זענען פאראן חסידי קדמאה, פון וועמען די היינטיגע חסידים רעדן ארום באימה וביראה, אבער זיי זענען געווען רבנים פאר זיך און נישט שטענדיג זענען זיי געווען גענצליך נכנע כאחד מן החסידים. מיר גייען נישט אריין אין די השקפה, וואס א חסיד דארף באמת טון. אבער די סארט חסידים זענען נאך היינט נערץ ונקדש צווישן ערליכע חסידי'שע אידן.

אין לב-טהור איז נישט פאראן אזא זאך. דארט צווינגט מען ארויף הכנעה אויף יעדן איינעם אין די חבורה, און נישט בלויז א הכנעה אזוי ווי עס איז געווען אלעמאל ביי כלל-ישראל און ווי אזוי עס איז אין אנדערע קהילות, נאר בטל כעפרא דארעא, אז מען זאל נישט טארן קלערן און טראכטן.

א געווענליכער איד אין די וועלט, א חסיד מן המנין, פארמאגט א מסורה וואס ער האט צוגעזען ביי זיינע עלטערן. טראצדעם וואס דער חסיד איז פארברענט פארן רבי'ן, ער לויפט צו טישן און ער הערט אויס דעם רבי'ן יעדן טיש, פארמאגט ער אין הארץ א וויכטיגן ארט פאר זיינע עלטערן וועלכע האבן אים געבוירן. אין יעדע משפחה זענען פאראן מסורות, וואס גייען אריבער פון עלטערן צו קינדער. עס איז פאראן א פאמיליע לעבן.

איבעראל, נאר נישט אין לב-טהור. דארט איז נישט פאראן אזא זאך. אלעס איז בלויז די חבורה, די קהילה, לב-טהור.

עס איז פאראן אין לב-טהור א שטרענגע קאנטראל אויף יעדע ריר פון יעדן יחיד. קיינער דארט האט נישט קיין אייגענע מיינונג, ער קען נישט האבן קיין אייגענע מיינונג און ער טאר נישט האבן קיין אייגענע מיינונג.

ארויסצוברענגען דעם שטארקן קאנטראל פון לב-טהור, איז גענוג אנצואווייזן אויף דער לבוש וואס זיי האבן געטוישט פון גאנץ כלל-ישראל, צו ווייזן אז די מענטשן פארמאגן נישט קיין אייגענע אידענטיטעט, נאר זיי געהערן צו די קהילה. דאס זעלבע איז מיט די נעמען וואס זיי טוישן כסדר פון די מענטשן, מיט די מטרה צו ווייזן אייגענע קאנטראל אויפן מענטש.

נאכמער, עס איז נישט פאראן אין לב-טהור קיין מושג פון נאנטקייט און ליבשאפט צווישן עלטערן און קינדער, א מאן מיט א פרוי. אלעס דינט איין ציל - די הנהלה. אנדערש ווי אין די גאנצע וועלט, איז נישט פאראן אזא מושג ווי משפחה לעבן, וואו ברידער און שוועסטער, טאטע און מאמע, האבן ליב די פאמיליע נעסט.

דאס איז דער חילוק צווישן לב-טהור און אנדערע קהילות. דערפאר איז דאס א קולט, בשעת אנדערע קהילות זענען ערליכע אידישע קהילות - אפגעזען ווי שטרענג זיי זענען און אפגעזען וויפיל טענות מאנכע האבן אויף זיי.

## העכער די תורה

אין יעדע חסידות צווישן אידן, איז דער רבי נערץ ונקדש הייליג און גאר הויך. קיין העכערס פון א רבי איז נישט פאראן ביי קיין איין הייליגע חסידות.

פארט איז דא א זאך וואס איז העכער אלעס, אפילו פון א רבי. דאס איז די תורה-הקדושה. אויב מאכט זיך אמאל, אז א רבי טוט עפעס וואס קוקט אויס נגד התורה, וועלן חסידים דאס איינזעצן און געבן צו פארשטיין אז עס שטימט מיט די הלכה און מיט די תורה, מען וועט האבן א פראבלעם דערמיט, ווייל די תורה איז אלעס, קוב"ה אורייתא וישראל חד הוא.

איין פלאץ אין די וועלט איז פאראן, וואו דער רבי איז העכער די תורה. איר קענט זיך אליין פארשטעלן וואו דער פלאץ איז...

אז מען קען מחנך זיין מענטשן און זאגן, אז דער רבי מעג דאס טון, אדער אז אין דעם צימער איז דאס מותר, און אז א רבי קען זאגן אז עס זענען פאראן זאכן וואס קוקן אויס ווי עבירות אבער באמת קען א צדיק דאס טון און דאס איז גרויסע תיקונים, איז פאראן בלויז איין ארט אויף די וועלט וואס דאס ווערט געטון.

אט דאס איז דער חילוק צווישן לב-טהור און די גאנצע וועלט.

שומו שמים.

•••



# קענען מיר שווייגן שטיל

## ווען מיר ווייסן וואס עס פאסירט מיט תינוקות של בית רבן?

לאמיר זיכער מאכן היסטאריקער
זאלן נישט פרעגן אין יארן ארום;
**"ווי אזוי קען זיין אז כלל ישראל**
**האט עס צוגעלאזט!?"**

**929.930.6588**

**מיסיע 160**
**צעקת הילדים**
אהיימצוברענגען די 160
פארוואגעלטע קינדער

**חברי וועד הצלה**
מוה"ר אברהם שלום מענדלאוויטש הי"ו ------------ **מאנס**
מוה"ר משה אהרן גוטמאן הי"ו ------------ **וויליאמסבורג**
הרה"ג רבי יוסף העללער שליט"א ------------ **בארא פארק**
מוה"ר יוסף פנחס סטראלאוויטש הי"ו ------------ **קרית יואל**
מוה"ר שאול רייכמאן הי"ו ------------ **וויליאמסבורג**
מוה"ר ישראל חיים שטעסל הי"ו ------------ **וויליאמסבורג**
מוה"ר אשר ווידער הי"ו ------------ **מאנטריאל**

pentagon group